SEFER 'AYALAH SHELUHAH

Moses Kohm

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

אילה שלוחה
הנותן אמרי שפר

מהרב משה קאהם

ISBN:0-657-12768-X

ספר

אילה שלוחה

הנותן אמרי שפר

ענטהאַלט צוויי טהיילען:

1. אַבשפּיגעלונגען פון געוויסע אמעריקאַנער אידישקייט, (אידיש)

2. פלפולים אחדים מיוסדים על ענינים עמוקים בתלמוד על פי הפוסקים הראשונים והאחרונים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, אשר יגעתי ומצאתי בעז״ה אנכי הקטן והצעיר באלפי ישראל

משה בלא״א חיים דוב קאָהם ז״ל

רב ואב״ד דק״ק לאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.,
מחבר שו״ת „ידי משה״, בשני חלקים.



לאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.

שנת ת״ש לפ״ק

 91

שלמי תודה.

איך דריק אויס מײַן גרעסטען און בעסטען דאַנק צו
די מיטגלידער פון דער „ב נ י מ ש ה" לײדיס
אוקזיליארי פאר זײער אַכטען מיר אימער.

אונזער הימעלשער פאָטער זאָל זײ
בענשען מיט אלעם גוטען
בידו הרחבה.

משה בלא"א חיים דוב קאָהם,

רב הקהלה.

פה מקום אתי להביע תודתי הנאמנה להרופא המשכיל בעל לב טוב ומדות נעלות, מר יוסף ראָזענבלאַט, מומחה למחלת השחפת, בעד התעניותו בי בשש שנים האחרונות. ישלח ה׳ רפואה שלמה לכל הנרפאים על ידו,

כעתירת המחבר.

אדרעם של המחבר

Rabbi M. Kohm

2745 Wabash Av.

Los Angeles, Calif.

— פון —

הרב משה קאָהם

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

מה טובו אוהליך יעקב, משכנתיך ישראל!

אונזערע גרויסע חכמי התלמוד דערציילען אונז, דאָס די הויפּט קללה מיט וועלכע בלעם הרשע האָט געוואָלט פאַרשעלטען אונזער נאַציאָן, איז באַשטאַנען פון „שלא יהיה להם בתי כנסיות ובתי מדרשות", אידען זאָלען ניט האָבען קיינע שוהלען און בתי מדרשים. זיי, אונזערע געלערענטע, רעכענען ווייטער אויס די איבעריגע קללות וועלכע בלעם האָט געוואָלט אָנווענדען אויפ'ן פאָלק, אָבער גאָט האָט איהם דערפון אָבגעהאַלטען, פערבאָטען. ווען אידען האָבען אָבער געזינדיגט, בעגאַנגען פאַרברעכענס געגען גאָט און זיינע געבאָטען, דאַן האָט ער זיי באַשטראָפט מיט'ן אָנשיקען אויף זיי אַלע בלעם'ס קללות, אויסער די הויפּט קללה, אַז זיי זאָלען ניט האָבען קיינע שוהלען און בתי מדרשים; די האָט ער צוריקגעהאַלטען, ווארום ווען חו"ש די קללה וואָלט זיי געשעהן, דאַן וואָלט דער גאַנצער נאַציאָן אונטערגעגאַנגען, ניט פערבליבען קיין שריד ופליט, ווארום „ישראל ואורייתא חד הוא, אחוזה כשלהבת בגחלת", אָהן די אינסטיטושאנס איז אונמעגליך פאַר'ן נאַציאָן צו עקזיסטירען אויף דער וועלט, ער וואָלט געמוזט אָבשטאַרבען.

אין דער יעצטיגער צייט, ווען די פאַרשיידענע ירבעם'ס בני נבט האָבען זיך אָנגעזעצט צו פערניכטען אָט-די אונזערע הייליגע אנשטאַל-טען איז אונזער הייליגע פליכט אָנשטריינגען אַלע אונזערע קרעפטען, מאָביליזירען זיי צו ניט צו דערלאָזען אַזעלכעס, אום צו רעטען אונזער נאַציאָן פון אונטערגאַנג.

איבערצייגענדיג זיך דאָס אין גאַנצען צו פערניכטען אונזערע בתי מדרשים וועט זיי פאַר קיין פאַל ניט געלינגען, זיינען די ירבעם'ס פון אונזער צייט געפאַלען אויף אַ געניאַלען פּלאַן: מאַכען אַ פּשרה, האַלב אויף האַלב, מחצה על מחצה, אָדער ווי דער אַמעריקאַנער רופט עס: „פיפטי-פיפטי", וועלכען אונזערע תמים'דיגע שוהל-אידען האָ-בען דאָס אויפגעכאַפּט מיטביידע הענט, ערקלערענדיג, "עס איז דאָך בעסער אַ העלפט איידער גאָרניט". אָט, למשל, איז פאָרגעקומען אַ

שפּאַלטונג צווישען די אָרטהאָדאָקסען און רעפאָרמער וועגען אַ געוויסען פעסטען פּרינציפּ. די אָרטהאָדאָקסישע אידען גלויבען בתמימות אַז די תורה איז מן השמים; און אַזוי ווי דער מענש האָט ניט קיין קראַפט צו ענדערען דעם גאַנג פון די שטערען אין הימעל, אַזוי האָט ער ניט קיין מאַכט אומצובייטען גאָט'ס ווערטער. די רעפאָרמער, ווידער, ווילען האָבען אַז רעליגיאָן איז ניט מעהר ווי אַ בגד וואָס מען ברויכט צופּאַסען צו יעדער פּערזאָן לויט נאָך זיין קערפּער-געביידע, דאָס הייסט, אַז די תורה דאַרף געענדערט ווערען, אום צו צופּאַסען איהר צו דער צייט. נאַטירליך איז זייער מיינונג וועגען דעם גענצליך פאַלש, אָהן שום פונדאַמענט. אָט די לייטע קענען מיר נאָך פיליכט ניט פאַרדיינקען, נעמענדיג אין בעטראַכט דאָס זיי האַנדלען וויניגסטען נאָך זייערען אַ געוויסען פּרינציפּ, אָבוואָהל מיר קענען פאַר קיין פאַל ניט צושטימען צו איהם.

יעצט איז אָבער געקומען אַ גרעסערע צרה, עס האָט זיך באַוויזען אַ נייע פאַרטיי און ערקלערט, "איך וועל מאַכען אַ פּשרה צווישען אייך ביידע, מיר וועלען מאַכען אַן ,אָן קוצץ' אין דאַוונען, קירצער מאַכען איהם, מענער און פרויען זאָלען צוזאַמען דאַוונען, אָבער קיין אָרגאַן וועלען מיר ניט ערלויבען אין שוהל. אויף דעם אופן וועט אַ פולשטענדיגער שלום און פאַרשטענדינעש שטענדיג עקזיסטירען צווישען דעם עלטערען און יונגען דור." אָט טאַקע די פּשרה איז פיעל ערגער ווי די רעפאָרם. פרעגט אַ פּשוט'ן פאַסטוך וועט ער אייך זאָגען, אַז אַ נידעריגע פאַרצאַמונג אַרום אַ פעלד איז ערגער ווי גאָר אָהן אַ צאַם. די אורזאַכע איז, ווייל שאָף האָבען אימער ליב איבערשפּרינגען אַריבער אַ צאַם און טרעטען אין פרעמדע פעלדער; אָבער ווען דער צאַם איז הויך, דאַן מאַכט דאָס פאַר זיי אונמעגליך אַריבערצושפּרינגען, און מערקווירדיג — ווען גאָר אָהן אַ צאַם האָבען זיי גאָר קיין לוסט צו דעם, אָבער ווען עס איז דאָ כלומר'שט אַ צאַם וועלכער איז נידעריג נעמט זיי אָן אַ שטאַרקער חשק אַריבערצושפּרינגען איהם.

די צאן קדשים, אונזערע אחינו בני ישראל, האָבען אויך די זעלבע נאַטור, וואַרפען, שפּרייזען זיך פון אָרטהאָדאָקסישען יודענטהום צום רעפאָרמירטען, און מאַנכעס מאָל זאָגאַר נאָך אַ טריט ווייטער — צום קריסטענטהום (די רעפאָרם איז גאַנץ ענליך צו דיזעם). ווען דער צאַם, גדר, איז הויך געענוג, וועלען זיי ניט שפּרייזען, אָבער ווען אידען מאַכען אַ פּשרה דאַן ווערט שוין דער צאַם נידעריגער און זיי בעקומען אַ שטאַרקען יצר הרע אַריבערצושפּרינגען צו זיי, דאָס הייסט, צו די

רעפאָרמער אָדער צום קריסטענטהום. אַזאַ פשרה מיינט קורצע יאָהרען פאַר דעם יודענטהום.

אַלס אַ ביישפּיל קען אונז דינען די געשיכטע וואָס אונזער היילינע תורה דערציילט אונז וועגען יוסף׳ן מיט זיינע ברידער, אין דער צייט ווען ער איז אַריינגעפאַלען אין זייערע הענט האָבען זיך די ברידער פענאַנדערגעטיילט אין דריי פּאַרטייען, די מערהייט האָט אָהן שום צערעמאָניעס געוואָלט איהם אָפּראַמען פון דער וועלט. ראובן האָט געזוכט פּלענער ווי אַזוי צו רעטען איהם און צוריקשיקען איהם צום פאָטער; יהודה האָט געמאַכט אַ פשרה, פאַרמיטעלט צווישען די צוויי מיינונגען, פאַרגעשלאָגען מען זאָל אים פערקויפען פאַר אַ שקלאַף, וועלכעס עס איז אָנגענומען געוואָרען.

ווען איך האָב די געשיכטע געלערענט אין חדר, בין איך שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען פון יהודה׳ס פּלאַן, איינפאַל, ווייל, האָב איך דאַן געטראַכט, ווער וויסט צו ראובן׳ס רעטונגס פּלאַן וואָלט זיך איינגעגעבען, דארום האָט יהודה׳ס פּלאַן צו מיר אויסגעזעהן מעהר פּראַקטיש. ווען איך בין עלטער געוואָרען און אָנגעפאַנגען לערנען גמרא, האָב איך דאָרט געפונען אַז רבי מאיר האָט גאָר אויסגעטייטשט אויף יהודה׳ן דעם פּסוק: ״ובוצע ברך נאץ ד׳״ (תהלים י, י״ג) (ווארום מיסביליגט דער רשע גאָט).

עס פרעגט זיך, ווארום האָט רבי מאיר געפונען פאַר גלייך צו פערדאַמען דעם פשרה-מאַכער (יהודה׳ן)?

דער תירוץ איז, אַז אין געלט אנגעלעגענהייטען איז אַ פשרה גאַנץ נוצליך, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ מענשען׳ס לעבען אָדער וועגען אַ העכסט וויכטיגען פּרינציפּ, דאַן גיבט ניט קיין פּלאַץ פאַר פשרות, דער אָריגינאַל זיינער מוז געזעצליך פערבלייבען. אין אַ קאַמפּף פאַר אַן אידעע טאָר זיך אַ פערזאָן ניט צופרידען שטעלען מיט אַ האַלבען געווינס, זאָגאַר אין דער צייט ווען ער איז איינער געגען אַ רבים און וויסט גאַנץ בעשטימט דאָס ער וועט געגען זיי ניט אויספירען, דאָך איז זיין פליכט צו קעמפען ביז דער ענדע. עס איז פיעל בעסער צו פערלירען די גאַנצע מלחמה איידער איינגעהן אויף אַ פשרה און אָפּגעבען מיט׳ן גוטען ווילען אַ טהייל פון דעם אמת אָדער גערעכטיגקייט.

דיזער כלל איז פון זעהר גרויס וויכטיגקייט פאַר אונז צו געדיינקען איהם. מיר לעבען יעצט אין אַזאַ צייט אין וועלכע דער מענשליכער כאַראַקטער האָט פערלאָרען זיין ערענסטקייט, אין אַ געזעל-

שאַפט און אין אַן אַטמאָספערע וואָס איז ניט קאַלט און ניט וואַרעם, לא הא ולא הא, ניט מילכיג און ניט פליישיג, אַ געזעלשאַפט וואָס האַנדעלט מיט אידעאַלען אַזוי ווי מיט אַלטע וואַרע, מען דינגט זיך און מען לאָזט אַרונטער, און אַם ענדע קומט מען דורך פאַר אַ האַלבען פרייז.

גאַנץ אָפט קומט אונז אויס צו הערען ווי אַ איד בערימט זיך, אַז ער קען, גאָט צו דאַנקען, שטימען מיט אַלע קלאַסען מענשען: "קום איך צווישען אָרטהאָדאָקסען, בין איך אַן אָרטהאָדאָקס, צווישען רעפאָרמער — אַ רעפאָרמער, צווישען סאָציאַליסטען — אַ סאָציאַליסט, אז"וו." די וועלט האַלט פון אַזאַ מענשען גאָר אַן עולם ומלואה, דיינקט אַז ער איז אַ חכם עתיק. "אָט דאָס הייסט אַ מענש פון היינטיגער וועלט". פאַרקערט אָבער, דער יעניגער וועלכער קעמפט פאַר זיינע אידעען הייסט ביי דער וועלט "אַ קרענק". "געהערט אַביסעל", זאָגען זיינע בעקאַנטע, "אַ מענש זאָל זיך קריגען מיט דער גאַנציר וועלט, און איבער וואָס? איבער אַן אידעע וואָס עס איז ניט זיין ציג און ניט זיין חנוכה ליכט".

אין דער ווירקליכקייט, אָבער, איז די זאַך פאַרקערט; דער מענש וואָס שאַקעלט צו מיט'ן קאָפּ אויף יע צו יעדער זאַך און צו יעדענ'ס מיינונג, איז ענטוועדער אַ פוסטע קאָפּ, וואָס האָט זעלבסט קיין פעסטען מיינונג וועגען אירגענד וועלכע פראַגע און ביי אים איז אַלעס רעכט, אָדער ער איז אַ היפּאָקריט, פאַרשטעלט זיך מיט זיין מסכים זיין צו אַלעמען, כדי צו געווינען אויף זיין זייט דער וועלט'ס גוטען מיינונג; וועהרענד אין געגענטהייל, דער יעניגער, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט געפּאַסט אַ באַשלוס וועגען אַ וויכטיגע פּראָבלעמע, קעמפט ער פאַר איהר מיט זיין גאַנצען קראַפט, און איז אויך גרייט צו אָפּפערען זיין לעבען פאַר איהר. אָט דיזער קריינק (ווי די וועלט רופט איהם) איז אין דער ווירקליכקייט איינער פון די גייסטיגע ריזען פון זיין צייט. צו אַזעלכע העלדען האָבען מיר צו פאַרדאַנקען דעם גאַנצען פּראָגרעס פון דער מענשהייט; ווען ניט זיי וואָלט די וועלט געשטאַנען אויף איין אָרט, ניט געמאַכט קיינע פאָרטשריטע.

און נאָך אַ פאַל, אָבוואָהל עס זעהט אויס אויף אַ ווילע דאָס דיזע קעמפער פאַר'ן אמת פערלירען די מלחמה, דאָס איז אָבער נאָר צייטווייליג, די ענדע איז אַז זייער קאַמפּף ווערט אימער געקרוינט מיט'ן גרעסטען זיעג. אין געגענטהייל, די יעניגע וועלכע בויגען די קאָפּ און גייען איין אויף פשרות בנוגע צו וויכטיגע פּרינציפּען, ברייגנען

אומגליקען אויף זיך און אויף דער געזעלשאַפט. דיזע בעהויפּטונג קען בעשטעטיגט ווערען מיט פילע פאַקטען פון אונזער געשיכטע.

מרדכי און אַזוי אויך די חשמונאים האָבען ניט געבויגען זייערע קעפּ, אָדער געזוכט צו מאַכען פּשרות מיט די טיראַנען פון יענע צייטען. די שוועכלינגע דאַן האָבען געוויס פערדאַמט דיזע העלדען, און וואַהרשיינליך זיי אָנגערופען "קנאים", "פאַנאַטיקער", וועלכע שטעלען דעם עקזיסטענץ פון זייער פאָלק אין געפאַר, אָבער מיר ווייסען דאָך גאַנץ גוט אַז די עקשנות פון יענע העלדען האָט געבראַכט לעבהאַפט, נאַציאָנאַלען כבוד און גליק פאַר זייער פאָלק.

פאַרקערט, די אידען פון שפּאַניען האָט געפעלט אָט די עקשנות, און ווען מען האָט זיי געהייסען זיך בוקען צום צלם, האָבען פיעל פון זיי געמאַכט אַ פּשרה: זיי האָבען אָנגענומען דעם קריסטענטהום נאָר פאַר דער עפענטליכקייט און פערבאָרגענערהייד האָבען זיי אָפּגעהיט אידישקייט. די פּשרה אָבער האָט נאָר געבראַכט אַן אומגליק אויף זיי זעלבסט און אויף זייערע קינדער. דורך דיזער פּשרה האָבען זיי זיך אינגאַנצען אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט, די אידען האָבען זיי געהאַלטען פאַר קריסטען און די קריסטען האָבען אויף זיי געקוקט ווי אויף אידען, און אַזוי האָבען די מאַראַנען (פערבעהאַלטענע אידען) אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון דער געזעלשאַפט. דיזע פּשרה זייערע האָט אויף זיי געבראַכט די פערפלוכטע אינקוויזיציע ווי אויך דעם אידישען פאָלק׳ס אומגליק, דעם גירוש.

דאָס גלייכען בעגעגענען מיר אין דער מאָדערנער צייט. די אידען פון די סלאַווישע לענדער, הגם זיי האָבען געליטען און ליידען נאָך יעצט אויך שרעקליכע פערפאָלגונגען, האָבען זיי פונדעסטוועגען ניט נאָכגעגעבען קיין האָר פון זייער גייסטיגע ירושה. דער רעזולטאַט איז אַז זיי זענען נאָך היינט צו טאָג דער רוב מנין און רוב בנין פון דער אידישער אומה. אין געגענטהייל, די אידען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען אז״וו, האָבען געמאַכט אַ פּשרה, אַ ביסעל אַרונטערגעלאָזען פון זייער אידישקייט, כדי צו געפינען חן ביי די גוים. עס איז וואהר, זיי האָבען געפונען וואָס זיי האָבען געזוכט; זיי האָבען פאַר אַ ווייל געקראָגען גלייכע רעכטע, אָבער פאַר דעם „באַרגעין", מציאה, האָבען זיי גאַנץ טייער בעצאָלט מיט זייער נאַציאָנאַלען לעבען. די אידישע באַפעלקערונג פון יענע לענדער איז אָבגעשטאָרבען מיט אַ מיתה רוחנית. פון די גרויסע בערימטע גאונים און חכמים זענען נאָר פערבליבען קברים און צובראָכענע מצבות, און פון די אידישע מאַסען

וואָס האָבען זיך אַמאָל מוסר נפש געווען פאַר זייער אמונה איז פער־בליבען בלויז אַ הייפעלע יהודים מיט קאַלטע נשמות און אַ רעכט ביסעל גוים מיט אידישע נעזער, וואָס מען איז משער אַז זיי שטאַמען אָפּ פון אידען.

אַלס נאָך אַ ביישפּיל קען אונז דינען ר׳ סעדיה גאון און זיינע חברים, וועלכע האָבען געלעבט אין דער צייט ווען די קראים האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ. עס וואָלט דאַן גאַנץ מעגליך געווען צו מאַכען אַ פּשרה צווישען די קעמפּענדע צדדים, ווען די רבנים וואָלטען זיך עטוואָס געלאָזען בייגען. עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט אַז אין יענער פּעריאָדע האָבען זיך געפונען גענוג קורצזיכטיגע מענ־שען וועלכע האָבען טאַקע געראַטען דאָס צו טאָן, אָבער די גאונים פון יענער צייט האָבען זיך ניט געלאָזט פאַרפירען פון די פּשרה־מאַכערס, די לייכטזיניגע בריות, היפּאָקריטען, זיי האָבען געקעמפט מיט זייער גאַנצע מאַכט געגען אָט דער נייער באַוועגונג און אין גאַנצען אויס־געשלאָסען די מיטגלידער פון דער סעקטע פון כלל ישראל, און צו פערדאַנקען דיזע ענטשלאָסענע האַנדלונג איז דער ריינער יודענטהום געראַטעט געוואָרען פון אונטערגאַנג. די גרעסטע מערהייט פון די קראים האָבען שנעל אַנערקענט זייער פערברעכען און ביסלעכווייז צוריקגעקומען צום אידישען לאַגער, פערבלייבענדיג אימער טרייע קינדער פון זייער פאָלק; נאָר זייער אַ קליין הייפעלע עקשנים פון זיי זענען פערבליבען ביי זייער טעות, פיללייכט טאַקע אַלס אַ שרעק־ליכען ביישפּיל פאַר די קומענדע דורות.

פון די אַלע פאַקטען וואָס איך האָב דאָ געבראַכט איז צו זעהן אַז פּשרות אין אַ פּרינציפּיעלען אנגעלעגענהייט צייגט זיך אַרויס פאַר אַ קללה, ווייל עס איז פאַלש, שקר, ווי אין פּרט זאַכען אַזוי אין כלל זאַכען. אויסער די אַלע פאַקטען קען מען דאָס נאָך באַנעמען מיט׳ן איינגענעם פערשטאַנד. עס איז וואר אַז אין געלט־זאַכען איז אַ פּשרה אַ ברכה; למשל, ווען איינער מאָנט ביים צווייטען טויזענט דאלאר און יענער זאָגט אַז עס קומט איהם נאָר פינף הונדערט און עס איז אונמעגליך אויסצוגעפינען ווער פון זייביידע איז גערעכט, דאַן איז די פּשרה, צום ביישפּיל, אויף אַכט הונדערט, אַן אמת׳ע ברכה, אב־וואָהל איינער האָט דאָך זיכער אַביסעל פערלאָרען, דאָך איז ער צו־פרידען, ווייל וואָס ער קריגט איז גוט געלט, און צו דער זעלבער צייט איז דער שלום צווישען זיי ביידע צוריק עטאַבלירט. אַ פּרינציפּ אָבער איז ריכטיג נאָר דאַן ווען ער איז גאַנץ, אָבער אַז מען מאַכט איבער

אים אַ פּשרה, אויף דער העלפט אָדער גאָר אַ פּערטעל, דאַן איז דער פּערבליבענער טהייל, די האַלב אָדער די פּערטעל, גאָרניט ווערט.

אשר לזאת, לאָמיר זאָגען צו די היינטיגע ירבעם׳ס, אַזוי ווי אליהו האָט זיך אויסגעשפּראָכען: "עד מתי אתם פּוסחים על שתי הסעיפים, אם ד׳ הוא האלהים לכו אחריו, ואם הבעל — לכו אחריו" (מלאכים א׳ י״ח) (ווי לאַנג וועט איהר זיך נאָך וואַקלען מיט צוויי מיינונגען; אויב יהוה איז גאָט, זאָ פאָלגט איהם נאָך, און ווען בעל — גייט איהם נאָך). עס שיינט אין זיינע צייטען זענען אויך געווען אידעלאַך וועלכע האָבען גענערט מאַכען פּשרות צווישען גאָט און טייוועל, איין טאָג האָבען זיי געדינט גאָט און דעם צווייטען, דעם טייוועל; אָדער מיט איין האַנט האָבען זיי אומגעבראַכט מענשען און מיט דער צווייטער געטיילט צדקה. צוליעב דעם האָט זיי דאַן אליהו ערקלערט, אַז איידער צו מאַכען אַזעלכע פּשרות איז שוין גלייכער אַז זיי זאָלען אין גאַנצען איבערגיין צום טייוועל.

אַלזאָ, ליבע ברידער, היט אויס אייערע בתי מדרשים פון די היינטיגע ירבעם׳ס, לאָזט זיי דאָרט ניט אַריין, וואָרום פון אָנפאַנג, ווען זיי קומען אין שוהל, איז שווער צו דערקענען אַז דאָס זיינען ירבעם׳ס, ווייל זיי ווייסען די קונסט גאַנץ גוט ווי צו מאַכען אויף לייטען אַ גוטען איינדרוק און פערנאַרען זיי, בכן מוזט איהר זיין אויף דער וואַך, און אַזוי שנעל ווי איהר באַמערקט אָן זיי עפּעס אַ מעשה ירבעם ווייזט זיי גלייך אויס פון אייער מיט. מיט אַזעלכע בריות ברויכט מען ניט האָבען קיין מגע ומשא, קיינע פערבינדונגען, וואָרום זיי זענען ווי אַן אנשטעקענדע פּעסט, וואָס, זאָ שנעל ווי דער גיפט כאַפּט זיך נאָר אַריין אין אייער בית המדרש, וועלכער איז די נשמה פון יודענטהום, אַזוי גלייך הויפּט אָן פוילען די גאַנצע אידישקייט.

איהר, פריינדע, וועט זיכער פרעגען, ווי אַזוי קען מען פון אָנפאַנג דערקענען אָט דעם סאָרט מענש, ווען איך אייך איבערגעבען די סימפּטאָמען פון דער קריינק וואָס זי הייסט "ירבעם" און דאַן וועט איהר וויסען ווי זיך אויסצוהיטען פון איהר. פריהער אָבער וועל איך אייך פאָרשטעלען אַ בילד פון דריי פאַרשיידענע סאָרטען אידען דאָ אין אַמעריקא אין אונזערע אָרטאָדאָקסישע בתי מדרשים. דער ערשטער סאָרט איז: ער געהט אין אַן אָרטהאָדאָקסישער שוהל, זעהר אַ טהעטיגער מיטגליד, האַלט אַן אַמט און האַלט זייער אָפט פייערדיגע רעדעס וועגען יודענטהום, רעדט מיט גרויס התלהבות אַז דער יודענטהום איז די שענסטע און הייליגסטע פון אַלע רעליגיאָנען, ער אַפּעלירט שטאַרק

יעדען שבת צו די מתפללים אַז זיי זאָלען אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען אויפצוהאַלטען אונזער אמונה.

ווען איך בין מיט אַכט יאָהר צוריק געקומען אין אַמעריקא איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו זיין שבת אין אַ געוויסער שטאָט. אין דער שוהל פון מיינע לאַנדסלייטע; דאָרט האָבען זיי מיר איינגעלאַדען צו ריידען בעפאָר מוסף, וועלכעס איך האָב געטאָן. נאָך מיר האָט גערעדט דער פּרעזידענט פון שוהל, אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן מיט אַ גלאַט-געראַזירטען פּנים. זיינע ווערטער האָבען אויף מיר געמאַכט דעם בעסטען איינדריק, איך בין פון זיי איבערראשט געוואָרען. ער האָט פייערדיג גערעדט וועגען יודענטהום. איך האָב זיך באמת געשעמט; איך, אַ פאַרטרעטער פון יודענטהום, האָב ניט גערעדט מיט אַזאַ התלהבות ווי ער. איך האָב ביי מיר געקלערט אַז אַזאַ יונגענמאַן דאַרף מען ערמוטיגען, מען ברויכט איהם צייגען דאָס זיין איבערגע-געבענהייט צו אידישקייט ווערט הויך אָבגעשאַצט. נאָכ'ן דאַוונען בין איך צו אים צוגעגאַנגען און וואַרעם בעגריסט, ווי אויך בעדאַנקט פאַר זיינע שאַצבאַרע ווערטער. איך האָב מיך אויסגעשפּראָכען דאָס ווען מיר וואָלטען פערמאָגט אַ סך אַזעלכע יונגע לייט ווי ער, וואָלט דאָס יודענטהום גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָרגען.

„גיט מיר ניט קיינע קאָמפּלימענטען", האָט ער ערווידערט, „איך בין גאָר ניט אַזאַ צדיק ווי איהר מיינט. היינטיגע צייטען געפינען זיך צדיקים גאַנץ, גאַנץ ווייניג". איך האָב אים געענטפערט: "ווייניגס-טען לייגט איהר דאָך תפילין, האָט מזוזות אין הויז, טראָגט ציצית און פירט אַ כּשרה הויז."

זיין אַנטוואָרט איז געקומען: "ניין, איך בעלאַנג ניט צו דעם סאָרט יודענטהום." "דען וואָס פאַר אַ יודענטהום האָט איהר דאָס אַזוי הויך געלויבט און שטאַרק פערטיידיגט?" האָב איך איהם גע-פרעגט מיט דער גרעסטער פערוואונדערונג.

"מיין יודענטהום", זאָגט ער, "באַשטעהט ניט פון צערעמאָניעס און תפילות, וויקלען רצועות און קושען מזוזות. מיין יודענטהום מיינט אַ ריינע אידישע האַרץ, אַ גוטער כאַראַקטער, עהרליכקייט, אז"וו, אָט דאָס איז מיין אידישקייט". אָט דאָס איז דער ערשטער טיפּ איד. געוועהנליך, אין אונזער אַלטער היים האָבען מיר ניט גע-האַט אַזאַ סאָרט איד אין בית המדרש, פאַר אַזעלכען איז ניט געווען קיין פּלאַץ אין אַ בית המדרש. דאָ אין אַמעריקא, האָט ער יע, צוליב פילע אורזאַכען; ערשטענס, צוליב ביזנעס, ווייל פילע מעמבערס פון

שוהל זענען זיינע ביזנעס-פערבינדעטע און ער צאָלט זיי אָפּ פאַר דעם, דאָס הייסט, ער ספּענט אין שוהל דורכ'ן יאָהר אַ געוויסע סומע. און צווייטענס, איז דאָס כּבוד, און ווי עס איז בעוואוסט זענען אָט דער סאָרט זעהר להוט נאָך כבוד, "רודפי אחר הכבוד," ער ערווערבט זיך אַ גוטען נאָמען אַלס אַן אמת'ער מענש, וועלכער פערדינט רעספּעקט און דרך ארץ ביי לייטען. אָט די לייטע זענען מיט דער מיינונג אַז דער פרומער איד איז עפּעס ניט אין גאַנצען, אָבער יענער איד איז ניט קיין פאַלשער, זאָגט אימער די ריינע וואהרהייט, דערפאַר פערדינט ער דעם העכסטען שוהל-אַמט — פּרעזידענט.

יעצט וועל איך אייך פאָרשטעלען אַ בילד פון אַ צווייטען סאָרט היגען שוהל-איד, אויך אַ ירבעם, וועלכער איז אַריבערגעקומען אַהער בעפאָר מיר האָבען נאָך געקעפּט דיינקען וועגען אַמעריקא. ער איז פונקט דער קאָנטראַסט פון דעם ערשטען סאָרט. ער עראינערט מיר אָן דער צייט ווען איך בין געווען אַ יונגער אינגעל און געלערענט אין אַ קליין שטעטעל, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ גרופּע וואָס האָט ניט פערשאַפט צופיעל כבוד דעם אידישען פאָלק — זיי זענען געווען פערד-גנבים. ווען איך זאָג פערד-גנבים, מיין איך ניט אַז זיי האָבן דוקא מקפּיד געווען צו גנב'ענען נאָר פערד, אָבער קיינע אַנדערע זאַכען ניט; ניין, זיי האָבען אויך גענומען מכל הבא, וואָס זיי האָבן געקענט, איינגעבראָכען קראָמען, פּריוואַטע הייזער אז"וו. זיי האָבען אויך ניט מקפּיד געווען גנב'ענען ביי גוים, ווי מען דערציילט וועגען געוויסע אידישע גנבים. דיזע זענען גראדע געווען "ליבעראַל", אומפאַרטייאיש. זיי האָבען בעהאַנדעלט אַלעמען גלייך, אָהן אונטערשייד פון ראַסע אָדער רעליגיאָן. ווען עס איז זיי אויסגעקומען האָבען זיי בע'גנב'עט דעם רב, דעם דיין, דעם ראש הקהל אַזוי גוט ווי זיי האָבען אַרומ"געאַרבעט" די פּויערים אין דאָרף. דעם וואונדער וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילען וועגען זיי איז געווען, דאָס וואָס אָנבאַלאַנגט צו גאָט זיינען זיי געווען היבש פרום, פיללייכט נאָך פרימער פון די שענסטע שטעטעלדיגע בעלי-בתים. זיי האָבען שטרענג אָבגעהיט אַלע דינים ומנהגים. זיי האָבען אויך געהאַט אַן אייגענעם בית המדרש. נאַטירליך, מען האָט איהם ניט גערופען מיט'ן נאָמען "דעם פערד-גנבים'ס קלויז," נאָר מיט אַ "לשון נקיה", די פערד-הענדלער'ס בית המדרש. דער נאָמען איז ניט געווען קיין פאַלשער הלילה, ווייל נאָכדעם ווי זיי האָבען די פערד "צוגעצויגען", האָבען זיי זיי פערקויפט. אין יענעם בית המדרש האָט מען יעדען טאָג געדאַווענט מיט עטליכע מנינים,

בין מנחה למעריב געלערענט חיי אָדם, עין יעקב. שבת בייטאָג "געהאַקט" אַ סך תהלים. דער פאַקט איז געווען אַז וואָס מער "גע־שעפּט" זיי האָבען געהאַט אָנגעגרייט אויף דער קומענדער וואָך, אַלס מעהר תהלים געזאָגט און געבעטען גאָט ער זאָל זיי מצליח זיין. אין שטאָט האָט מען שוין געוואוסט אַז ווען מען זאָגט אַ סך תהלים אין דעם פערד־הענדלער׳ס בית המדרש, דאַרף מען אויפהייננגען אויף די טירען שטאַרקע שלעסער און אָנשטעלען עקסטרא וועכטער.

איך האָב אייך דערציילט די צוויי געשיכטעס, ווייל זייערע העל־דען שטעהען פאַר די אויבענדערמאָנטע קלאַסען אידען, דעם יונגען מאַן וואָס האַלט פייערדיגע רעדעס וועגען יודענטהום און ער אַליין היט ניט אָפּ קיינע פון דער הייליגער תורה׳ס מצוות, ער בעהויפּט נאָר אַז דאָס יודענטהום ליגט ביי איהם בעהאַלטען (בעגראָבען) טיף אין האַרצען. דער טיפּ אָדער קלאָס אידישע יונגע לייט און יונגע פרויען, וועלכע געפינען זיך ביי אונז אין די טויזענטער און פיליכט אין די הונדערטער טויזענטער, האַלטען פונקט מיט דער זעלבער מיינונג אַז אַ איד איז יוצא נאָר מיט זיין גוטהאַרציגקייט אז״וו.

פאַרקערט ווידער, די פערד־גנבים פון יענער שטעטעל, וועלכע האָבען פערבראָכען מורא׳דיג געגען גאָט און געזעלשאַפט און צו דער זעלבער צייט פרומע, גאָטס־פאָרכטיגע תהלים־זאָגער, שטעלען פאָר דעם טיפּ פון אַן אַנדער סאָרט אידען, וועלכע ציילען זיך אויך אין די טויזענטער. זעלבסטפערשטענדליך, ניט אַלע פון זיי זענען פערד־גנבים; איינפאַכע גנבה בעצאָלט זיך ניט אין אַמעריקא און דערצו נאָך איז דאָס צו געפעהרליך. דאָ גילט אַן איידעלע סאָרט גנבה, און צו אונזער גרויסער שאַנדע מוזען מיר צוגעבען אַז עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל פון אונזערע אחינו בני ישראל וואָס אין ביזנעס אנגעלעגענהייטען זענען זיי ניט בעסער פון יענע פערד־גנבים, אָבער ווען עס קומט ביי זיי צו גאָט, ווערען זיי גאַנץ פרומע אידען. זיי זענען ניט קיין צבוע׳־קעס, ווי מאַנכע קענען דיינקען, זיי מיינען דאָס גאַנץ ערענסט. זייער מאָטאָ איז: "וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטען איז צו לייטען"; דאָס הייסט ביי זיי, גאָט גיב איך אָפּ דאָס וואָס עס קומט איהם אין שוהל, אָבער אין מיינע פּריוואַטע ביזנעס, איינגעשלאָסען אויך די יעניגע וועלכע בעלאַנגען צו דער שוהל, דאָרט איז גאָט קיין מחותן ניט. איך געה ניט א־ן זיין רשות און ער האָט ניט וואָס צו טאָן אין מיין בעזיץ.

אין אונזערע שוהלען געפינט זיך נאָך אַ דריטער סאָרט איד, וואָס

איז געקומען קיין אַמעריקא זעהר שפּעט. דאָס איז דער, וועלכער זיינע קינדער, אָדער אַזוי פריינד, האָבען איהם אַריבערגעבראַכט. די יעניגע וועלכע האָבען איהם אַריבערגענומען זענען שוין אין אַמעריקא פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט. אָט די זענען, געוועהנליך, פון די ערשטע צוויי סאָרטען (עס איז אַפילו ניט קיין כלל, אָבער עס איז אַ פאַקט אַז די מערסטע פון זיי בעלאַנגען צו די צוויי קאַטעגאָריעס). דער סאָרט איד איז זעהר אַ שעהנער, פרומער, גוט צו גאָט און צו לייטען, צווישען זיי געפינען זיך אַזעלכע וואָס קענען גאַנץ היבש לערנען. מיט איין וואָרט, דער סאָרט איז זעהר גוט און פיין.

און דאַן קומט דער אמת׳ער "ויתרוצצו הבנים בקרבה", אין בית מדרש. איין קינד זאָגט אַז אידישקייט בעשטייט ניט פון תפילות, תפילין, מזוזות, כשרות, מקוה, אז״וו. אַלעס וואָס זי פאָדערט איז נאָר אַ גוטע האַרץ און מעהר גאָר ניט. (ווי געפעלט אייך דער סך הכל פון אידישקייט?). דער צווייטער, ווידער, ערקלערט: "אידישקייט הייסט נאָר וואָס עס באַלאַנגט צו גאָט, אַזוי ווי תהלים, תפילין, מזוזות, כשרות, מקוה און נאָך אַזעלכעס, אָבער דאָס וואָס באַלאַנגט צו "דיני ממונות", געלט-זאַכען, קאָן מען זיך זיין דער גרעסטער מערדער. עס איז דאָך זעלבסט-פערשטענדליך, אַז מען זאָל אָננעמעןביידע ערקלערונגען, וואָלטען מיר דאַן געווען ניט צו גאָט און ניט צו לייטען.

דער פועל יוצא איז, אַז ווען מען האָט אַזעלכע צוויי סאָרטען ירבעם׳ס אין אַ שוהל ווערט פון זיי בעשאַפען אַ גאַנץ נייער יודענטהום, אַ פאַרקריפּעלטער, אַ "לא הא ולא הא", ניט מילכיג און ניט פליישיג, אַ סאָרט ווי די גמרא דערציילט אונז וועגען איינעם אַ מאַן וואָס האָט געהאַט צוויי פרויען, אַ יונגע און אַן אַלטע. די יונגע האָט אויסגעריסען זיינע גראָהע האָר, אום ער זאָל אויסקוקען יונג, און די אַלטע האָט איהם אויסגעצופּט די שוואַרצע, כדי ער זאָל אויסקוקען אַלט. דער רעזולטאַט איז געווען אַז ער איז נעבאך פאַרבליבען אַ פּליכעוואַטער. אַזוי זענען געוואָרען אונזערע שוהלען, "קרח מכאן וקרח מכאן", ניט צו גאָט און ניט צו לייטען, און צוזאַמען מיט זיי אויך אונזערע תלמוד תורות.

אַלס אַ ביישפּיל וועל איך אייך פאָרשטעלען דריי בילדער פון דריי פערשיידענע אידישע אינסטיטוציעס ווי זיי זענען געפירט געוואָרען אַמאָל, נאָך בעפאָר עס זענען צו אונז צוגעקומען די צוויי נייע קאַטעגאָריעס אידען, און ווי זיי ווערען פערוואַלטעט יעצט פון די ירבעם׳ס (די צוויי סאָרטען ירבעם׳ס וועלכע מיר האָבען אויבען אויס-

גערעכענט, האָבען זיך קיין מאָל ניט געמישט אין שוהלען, און אין תלמוד תורות געווים ניט) און איהר וועט דאַן זעהן וואָס זיי האָבען אונז אויפגעטאָן, און וואָס זיי האָבען געמאַכט פון יודענטהום.

דער חדר

דער חדר איז בעשטאַנען פון אַן אַלטע פער׳חושכ׳טע הילצערנע הייזעל, וועלכע האָט געדינט אַלס אַ רעזידענץ פאַר׳ן רבי ווי אויך אַ ״פּאָבליק סקול״, לעהר־אַנשטאַלט, פאַר זיינע תלמידים. דער שטרוי־ענער דאַך איז געווען אַזוי נידעריג דאָס די ציגען האָבען זיך זאָגאַר ניט געדאַרפט מטריח זיי צו שטעלען זיך אויף די הינטערשטע פיס, ווען עס האָט זיך זיי פערוואָלט אַביסעל אַ קיי טאָן פון די אַלטע שטרוי. די דריי פענסטער וואָס אָט דער ״גרויסער בנין״ האָט פערמאָגט, זע־נען די מערסטע שויבען פון זיי געווען פערשטאָפּט מיט קישעלאַך. אַלס אַ ״שמירה מעולה״, אַ פאַרשטאַרקטע שוץ, דאָס די ציגען מיט׳ן קהל׳שען באָק, וועלכע פלעגען זייערע נעכט פערברייינגען אַרום, זאָלען מיט זייערע הערנער חלילה ניט אויסברעכען די איבריגע שוי־בען, זענען די פענסטער געווען בעשיצט מיט שטעקענס.

אָבער דער ריכטיגער גלאַנץ און פּראַכט פון חדר האָט דערשיינט ווען מען איז אַריין אינעווייניג. די ווענט זענען געווען שוואַרץ, ווייל דער רבי לאָזט ניט אויסקאַלכען, עס מוז פערבלייבען אַזוי אַלס אַ ״זכר לחורבן״ (אַן אָנדיינקונג נאָכ׳ן חורבן). אויפ׳ן מזרח־וואַנט הייננגט אַ ״מזרח״ מיט צוויי חיות וואָס זעהן אויס ווי אויסגעמאַטערטע קעץ, איבער זיי איז אָנגעשריבען ״פּני אריה״ (געזיכט פון אַ לייב), אויף די ווינקלען זענען אויסגעוועבט גרויסע שטיקער שפּינוועבס. דער רבי לאָזט דאָס ניט אַראָפּנעמען, ווייל מאַנכעס מאָל קומט דאָס צוניץ ווען מען צושניידט זיך אַ פינגער.

די גאַנצע הויז איז אַזוי גרויס, וואָס איז קוים, קוים כשר פאַר אַ סוכה, און אַ העלפט פון איהר פאַרנעמט דער אויווען. אין מיטען ״פּאַלאַץ״ הייננגט אַ גרויסע וויעג אויף אַ שטאַנג, אַ מין ״תולה ארץ על בלימה״ (ער הענגט די ערד אויף גאָרניט), ווי מען פאַנגט אָן צו וויגען, אַזוי גלייך גיט אַרויס דער שטאַנג מאוים׳דיגע קרעכצען מיט אַ גוסס׳דיגען ניגון, אַז עס ווילט זיך שנעל פון הויז אַנטלויפען. אויף דער סטעלע אונטער די באַלקענס געפינט איהר אַ גאַנצען מוזע־אום פון אמת׳ע אַנטיקען, אַ שטייגער ווי אַ געלער פאַרטריקענטער

לולב, עטליכע קרענצלאַך קנאָבעל היינגען אַרונטער, אַ בינטעל ראַ־מונקעס, אַ ביסעל "ליפּאָווע צוויעט" (לינדען בליהאַכץ), דעם רבינ׳ס רפואה צום הוסט (ער האָט געהאַט שווינדזוכט), און נאָך אַזעלכע אַלטערטהימליכע זאַכען. פּונקט איבער׳ן טיש היינגען שטיקלאַך לעדער פון זוילען. דיזע זענען דעם רבי׳ס מכשירים (געצייג), מיט זיי פלעגט ער, ווי יעקב אָבינו, דערוואַרימען די צאן קדשים (די הייליגע שעפעלאַך).

אויבענאָן ביי אַ לאַנגען טיש זיצט זיך בהרחבה׳דיג (גאַנץ ברייט־לאַך) דער רבי מיט זיינע תלמידים. זיין דין אויסגעמאָגערטער קער־פּער איז איינגעוויקעלט אין אַ לאַנגען און ברייטען טלית־קטן, ער קוקט אויס ווי אַ בר־מנן (אַ געשטאָרבענער) וואָס מען האָט איהם אָנגעצויגען דעם טלית, גרייט אַריינלייגען אין קבר, און זיינע תלמידים האָבען אויסגעזעהן ווי זינדיגע נשמות וואָס מאַטערען זיך אין גיהנם.

דער טיש האָט גענוצט פאַר דעסק, בוך־שראַנק און פאַר אַ "בלעק־באָארד." דאָ זיצט אַ אינגעלע און דריידעלט מיט קרייד אויפ׳ן טיש אַ געצאַצקעדיגען "לכבוד" און געגענאיבער זיצט נאָך איינער און שניצט איין מיט אַ מעסער אין טיש זיין נאָמען; צווישען זיי ביידען זיצט זיך אַ דריטער און עסט זיין אָנבייסען מיט אַ גרויסע הילצערנע לעפעל פון אַ שוואַרצען טעפּעל, אין ריכטיגען מיטען זיצט דעם רבי׳ס "בן זקונים" (אינגסטע קינד), זיין פּנים פערקרימט און קלאָגט אויף "גלות השכינה" (וואָס די שכינה איז אין גלות). די רבי׳צן, פון איהר זייט, איז אויך אנוועזענד און רעגענט אויפ׳ן רבי׳ן אַ מבול פון גע־פעהרליכע קללות. וואָס איז? שוין נאָך פון זונטאג אָן בעט זי ביים מאַן געלט אויף שבת, אָבער ער נותנ׳ט ניט. אַזוי גייט דאָס אָן פון טאָג צו טאָג.

אין פּעדאַגאָגיע איז דער רבי געווען אַ גרויסער "מומחה לדבר," אַ ספּעציאַליסט. אין גאַנצען האָט ער געהאַט צעהן תלמידים, און נאָך זיין סיסטעמע איז אויסגעקומען אַז יעדער תלמיד מוז זיין אַ קלאַס פאַר זיך זעלסט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אין חדר איז שטענדיג געווען אַזאַ טומעל, אַזאַ מיש־מאַש, אַ געפילדער, עהנ־ליך צו אַ טהיר־גאַרטען אין דער צייט ווען מען גיט די חיות עסען. זען איין קלאַס האָט געלערענט האָבען די איבריגע "גע׳חזר׳ט" (איבערגעגאַנגען דעם לייענען) אָדער פסוקים׳וויז געבראָקט תהלים. נגונים זענען געקומען פון פאַרשיידענע ריכטונגען; פון איין ווינקעל איז געקומען "הכונס צאן לדיר" (ווען ער פערזאַמעלט שאָף אין אַ

שטאַל), און פון צווייטען — אַ טרויעריגער ניגון "למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק" (וואָרום שטורמען די היידען און די פעלקער טראַכטען לעערע זאַכען) און אין מיטען וואַרפט זיך דורך אַ דין קול־כעלע: "גד, דער שבט גד, גדוד — אַ פאָלק, יגודנו — וועט זיך פאַל־קעווען", און איבער אַלעם דונערען דער רבי"צנ'ס קללות און גע־שרייען: "עס איז שוין דאָנערשטאג און עס איז נאָך ניטאָ קיין אָנהויב אויף שבת." דער רבי מאַכט אויך גוואַלדען וועגען דאָנערשטאג און עס איז נאָך ניטאָ קיין אָנהויב אויף שבת." דער רבי מאַכט אויך גוואַלדען וועגען דאָנערשטאג, בייזערט זיך אויף די תלמידים: "עס איז שוין דאָנערשטאג און איהר, פויערען, ווייסט נאָך ניט דעם אויס־רייד פון "ואני בבואי מפדן ארם" (און איך, ווען איך בין צוריק־געקומען פון פדן ארם).

נאָך אָט־די אַלע זאַכען מוזען מיר אָבער צוגעבען, אַז דער חדר האָט אַרויסגעגעבען די לומדים און משכילים פון די פערגאַנגענע דורות.

אָט דער סאָרט אַלטער חדר האָט ערצויגען אַ דור וואָס האָט גע־האַט די מעלות און חסרונות פון די אַלטע צייטען. די תלמידים האָט ניט געפעהלט קיין תורה און קיין יראת שמים, אָבער זיי זענען געווען הינטערשטעליג אין סיסטעמע, זיי האָבען ניט באַזעסען דעם געפיל פון שעהנהייט און אָרדנונג, לאָגיק און פראַקטישען פערשטאַנד; עס האָט זיי אויך געפעהלט אַ געזונטער, פעסט־געבויטער קערפער. זאָגאַר די יעניגע וואָס האָבען פון געבורט נאָך פאַרמאָגט אַ פולקאָמע־נעם געזונטען גוף, איז נאָכדעם ווי זיי האָבען פערבראַכט אין חדר איניגע יאָהר זענען זיי אַרויס צעבראָכענע שערבלאַך.

דער בית המדרש

אָבוואָהל יעדער שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע שעהנע שוהל מיט שעהנע עטליכע קלויזען, איז אָבער דער הויפט אינטערעס פון די איינוואוינער געווען גערילכטעט צום בית המדרש. אַ גאַנצען טאָג, און זעהר אָפט אויך אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיך פון דאָרטען דערטראָגען דער קול פון די ישיבה־לייט, וועלכע האָבען אין בית המדרש געמאַכט זייער היים.

דער בית המדרש איז געווען דער פאָלקס־אוניווערזיטעט, וואו דער המון האָט געקראָגען אַ בעדייטענדע ידיעה אין דער תורה און

אַ פולקאָמענע ערציהונג אין מאָראַל און מדות טובות (עטהיק) דורך די פאַרשיידענע רבי׳ס וועלכע האָבען געלערענט פאַר׳ן עולם עין יעקב, חיי אָדם, גמרא, שמירת הלשון, אז״וו. די דורכרייזענדע מגידים וועלכע פלעגען בין מנחה למעריב ריידען אויף דער בימה, האָבען אויך פיעל בייגעשטייערט צו דעם. מיט איין וואָרט, דער בית המדרש איז געוועזן דער געמיינדע׳ס צענטער, וואו די אויסגעמאַטערטע פון זייער טעגליכע אַרבעט־אידען, האָבען אין אוונעד אויסגעגלייכט זייערע ביינער, אָבגעצויגען דעם אָטהעם און דערקוויקט די נשמה מיט לאַנגע געשפרעכען וועגען די לעצטע פּאָליטישע געשעענישען, מלחמת גוג ומגוג, אָדער גאָר וועגען דעם גלגול וואָס דער רבי האָט אַרויסגעטריבען פון דער באַלטרעמאָנצער ווייבעל, אז״וו.

מיט איין וואָרט, אויב אַ שטעטעל האָט פערמאָגט אַ נשמה, אַ לעבהאַפטע, איז דאָס געוועזן דער בית המדרש; אָבער ווי האָט דער בית המדרש אויסגעזעהן? אינוויינינג איז ער געוועזן פאַררויכערט און פאַרשמאָלצען, און אויסעווייניג — ווייט פון אנציהענד. געבויט האָט אים איינער אַ משה מויערער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אַרכי־טעקטור, די בוי־קונסט, ניט מעהר ווי אַ מלאך פאַרשטעהט תרגום־לשון; די ווענט געמאַכט לויט דעם מוסטער פון די מיליטערישע באַראַ־קען וואָס האָבען זיך געפונען אין שטעטעל; דעם דאַך — פון דעם תבואה שפייכלער וואָס איז געשטאַנען אין מיטען שטאָט; די פענס־טער — אַזוי ווי די קיכעלאַך מיט וועלכע די רבי׳צן פלעגט מכבד זיין דעם עולם צו אַ מזל טוב. ווען די אידען האָבען צום חנוכת הבית איינ־געלאַדען עטליכע פּוילישע פּריצים און די לעצטע האָבען אויסגעדריקט זייער גרויס ערשטוינונג אויף דעם ווילדען אויסזעהן פון דעם בנין, האָבען די אידען דאָס אָנגענומען אַלס אַ בעוואונדערונג און געפילט געשמייכעלט פון דעם.

דער צוגאַנג צום בית המדרש איז געוועזן העכסט אָפּשטויסענד. נאָכדעם וואָס מען האָט געמאַכט אַ היבשען ״ויסב״, געשליינגעלט זיך דורך איינגע שמאָלע געסלאַך, איז מען צוגעקומען צום שוהל־הויף. דער הויף האָט אין דער ווירקליכקייט אויסגעזעהן ווי אַן אַמעריקאַנער אָוקשאַן פּלאַץ פון אַלטע מעבעל. דאָס איז געוועזן אַ ברייטער פּלאַץ אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען די פערשיידענע בתי מדרשים, קלויזען און חסידים שטיבלאַך, געבויט אָהן שום געשמאַק, סיסטעמע אָדער וועלכען עס איז אָרדנונג. דאָ שטייען צוויי קלויזען פּנים אל פּנים און קוקען זיך אָן, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען זעהן ווער פון זיי

וועט פריהער אָנפאַנגען לאַכען. ביי דער זייט שטייט גאַנץ גראַנדיעז די חסידים־שטיבעל מיט'ן רוקען אויסגעדרייט צום פּנים פון דער קצב'ישער קלויז, אַזוי ווי זי וואָלט געווען ברוגז אויף די קצבים וואָס זיי האָבען איהר געגעבען אַן איינפאַכען חלק. די שוהל, דער בית המדרש און דער שוסטערשער קלויז זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דער פאָרמע פון אַ "סגול", מיט זייערע ווינקלען אַזוי האַרט איינער צום צווייטען אַז אַפילו צוויי מענשען צוזאַמען האָבען פאַר קיין פאַל ניט געקענט דורכגיין.

פון ביידע זייטען אַריינגאַנג אין בית המדרש זענען געלעגען צוויי גאַנץ היבשע קופּעס מיסט; ווינטער צייט איז נאָך געווען פון זיי צו דערליידען, געלאָזען דעם נאַז צופרידען, ווייל זיי זענען געווען פאַר־פרוירען און צוגעדעקט מיט שניי. דערפאַר אָבער זומער־לעבען פלעגט זיך זייער "ריח נחוח" (געשמאַקער אַראָמאַט) צוטראָגען איבער'ן גאַנצען שטעטעל. דער בית המדרש צוגלייך מיט'ן חדר האָבען גע־טראָגען אויף זיך די צייכענס פון אַן איינזייטיגע אַלטע פיהרונג, די חסרונות און מעלות פון וועלכע זענען געווען גאַנץ היבש בולט.

דער רב

דער טיטול "רב" פאַר דעם אידישען גייסטיגען פיהרער איז ביי אידען צום ערשטען מאָל ערשינען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פון די חכמי התלמוד (די תלמודיסטען). מען איז זיך משער דאָס אבא אריכא איז וואהרשיינליך געווען דער יעניגער וועלכער איז גע־ווען דער ערשטער באַוואוסט אַלס "רב" סתם, ניט אנגעגעבען זיין נאָמען. דער נאָמען "רב" מיינט דער גרעסטער, העכסטער פון דער געמיינדע. די רבנים פון די אַלטע צייטען האָבען אין דער ווירקליכ־קייט פולע הונדערט פּראָצענט פאַרדינט אָט דעם טיטול. ער איז געווען די גרעסטע פּערזענליכקייט פון זיין געמיינדע הן אין תורה, והן אין יראת שמים (גאָטס־פאָרכטיגקייט) און מדות טובות (גוטע זיטען). דעם גרעסטען טהייל פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט ענטוועדער אין אַליין לערנען אָדער "מרביץ תורה ברבים" זיין (לער־נען מיט לייטען). עס האָט גאַנץ אָפט פּאַסירט אַז אַ רב זאָל אויפ־געבען אַ גרויסע שטעלע און ליבערשט אַוועק אין אַ קליין שטעטעל צוליב דער איינציגער אורזאַכע, ווייל דאָרט אין דער גרעסערער שטאָט האָט ער ניט געהאַט די מעגליכקייטען אויפצוהאַלטען אַ ישיבה,

וועהרענד די בעלי בתים פון דער קלענערער שטעטעל האָבען זיך פּערפּליכטעט אין דעם כתב רבנות (קאָנטראַקט) געבען איהם די מעגליכקייט אויסצופילען זיין שטרעבונג.

רייכטהום און וועלטליכע פערגעניגען האָבען גאַנץ ווייניג צו־ציהונגס קראַפט געהאַט פאַר'ן רב. גאָר אין די ערשטע צייטען האָט אַ רב אין גאַנצען קיין שכירות ניט גענומען. ער מיט זיין פאַמיליע האָבען זיך ערנעהרט פון "יגיע כפּו", גלייך ווי אַלע בעלי בתים פון שטעטעל; שפּעטער צו, איז איינגעפירט געוואָרען אַז די קהילות האָבען אָנגעפאַנגען בעזאָרגען דעם רב מיט חיונה, כדי ער זאָל האָבען מעהר צייט איבערגעבען זיך צום לערנען פאַר זיך און מיט לייטען. צו דער זעלבער צייט האָבען זיי שוין אויך געזאָרגט אַז דער רב זאָל ניט לעבען צופיעל בהרחבה, אום ער זאָל חלילה וחס ניט פאַרצערען זיין חלק לעולם הבא (דאָס באַלוינונג אויף יענער וועלט).

אין יראת שמים און אין מדות טובות איז דער רב אויך געווען דער העכסטער פון זיין געמיינדע, אָבוואָהל ער זעלבסט האָט זיך געהאַלטען פאַר'ן קלענסטען. אין זיינע בריף האָט ער זיך אימער אונטערגעשריבען "הקטן" אָדער "הצעיר באלפי יהודה" (דער קלענ־סטער און אינגסטער). האָט זיך איהם געמאַכט אַ שווערע שאלה, האָט ער זיך ניט געשעהמט צו פרעגען ביי אַן אַנדער רב, וועמען ער האָט געהאַלטען פאַר גרעסער פון זיך. איך עראינער מיך אַ פאַל פון אַ בעוואוסטען גאון, וועלכער איז אין אַ שטאַרקען ברענענדיגען פראָסט געגאַנגען דריי מייל צופוס צו א רב'ל אין אַ דערבייאיגער קליין שטעטעל פרעגען אים אַ שאלה וואָס ער האָט ניט געוואָלט שטעלען אויף זיך. ווען יענער רב האָט אים אויסגעהערט צוליב וואָס ער איז געקומען, איז ער פערציטערט געוואָרען און געזאָגט: "רבי, ניט אַנדערש אַז איהר מאַכט חוזק פון מיר." אָבער ער האָט איהם אויף דעם געענטפערט: "מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אייך צו גרינגשעצען, אין דער צייט ווען איך פיהל ביי זיך, אַז איך, וועלכער האַלט אָן אַ רבנות אין אַ גרויסער קהילה, קען די שאלה ניט ענט־שיידען.

ווען זיין געמיינדע וואָלט בעשטאַנען דורך און דורך פון הימעל־אידען אַזוי ווי ער זעלבסט, און זיין שטעטעל וואָלט זיך געפונען אין ארץ ישראל אין די צייטען פון שלמה המלך, וואָלט מען קיין בעסערען גייסטיגען פיהרער ווי ער ניט געדאַרפט; אָבער אַזוי ווי זיין קהלה איז בעשטאַנען פון פשוט'ע גלות־אידען, וועלכע וואוינען צווישען פרעמדע

פעלקער און האָבען גאַנץ אָפט געברענטע לײדען פון זײ, האָט אַזאַ רב ניט געקענט צופרידען שטעלען די בעדערפעניסען פון זײן געמײנדע. ער האָט ניט געקענט די לאַנדס שפּראַך, און װען עס איז פאָרגעקומען אַז די קהילה האָט געדאַרפט עפּעס בעטען בײ די בעאַמטע אָדער פערטײדיגען זיך געגען אַן אַנטיסעמיטישען אָנפאַל (און דאָס איז גאַנץ אָפט פאָרגעקומען), האָט דער רב געמוזט רײדען דורך אַ "מתורגמן" (דאָלמעטשער). ער האָט זאָגאַר זײן אײגענע מוטער־שפּראַך ניט געקענט לאָגיש געברויכען פאַר אַ פּובליקום. סך־הכל איז איהם אויסגעקומען צו אַדרעסירען זײן געמײנדע נאָר גאַנצע צװײ מאָל דורכ'ן יאָהר, שבת שובה און שבת הגדול, און אַפילו דאַן האָט איהם דער עולם אויסגעהערט נאָר "מפּני הכבוד" (צוליב רעספּעקט), אָבער ניט צוליב זײן אָראַטישער קראַפט. זײענדיג פרעמד אין װעלטליכען לעבען איז איהם אָפטמאָל אויסגעקומען אַזעלכע תקנות צו מאַכען װאָס האָבען זיך ניט געטויגט פאַר דער געמײנדע, און זײן ניט װיסען די אַלגעמײנע װעלטליכע בילדונג האָט אים מיטגעבראַכט צו גלויבען אַז די חכמות העולם זענען נאָר די געצײג פון שטן און די יעניגע װעלכע האָבען דיזעס געלערענט, זענען אַפּיקורסים.

ער האָט אויך ניט געשאָנקען קײן בעזונדערע אויפמערקזאַמקײט צו זײן אויסערען אויסזעהן. זעהר אָפט האָט מען איהם געקענט באַגעגנען אין גאַס מיט אײן הויז פערשטעקט אין שטיװעל װעהרענד די צװײטע איבער'ן שטיװעל. ער האָט געטראָגען אַ רויטע פאַטשײלע אויפ'ן האַלז, דער מאַנטעל בעדעקט מיט פעדערען, אז"וו. װי גע־װעהנליך האָט אַזאַ מהלך ניט צוגעגעבען זײן געמײנדע קײן איבערי־גען כבוד מצד דער קריסטליכער װעלט, צװישען װעלכע מיר װאױנען.

אין קורצען, דער פּאַרצײטיגער רב, זײענדיג אויסגעקליבען נאָר בײ דעם עלטערען עלעמענט, איז בעזעסען די מעלות אַזױ גוט װי די חסרונות פון עלטערען דור.

יעצט לאָמיר בעטראַכטען די זעלבע דרײ אינסטיטוציעס לויט װי מיר געפינען זײ אין אונזער צײט דאָ בײ אונז אין לאַנד, װאו זײ װערן געגרינדעט און געפיהרט פון די צװײ סאָרטען ירבעם'ס, נאָכדעם װי עס איז פּאָרגעקומען דער "ויתרוצצו הבנים בקרבה" (די קינדער האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען) און די שעהנע פײנע אידען זענען גענצליך אַרויסגעשטויסען פון בית המדרש. דער רעזולטאַט איז אַז פון די בתי מדרשים איז בעשאַפען געװאָרען אַ "כּוי", אַ מין באַשעפּע־ניש װאָס איז "ספק חיה ספק בהמה" (עס איז אַ צװײפעל צו זי איז

אַ ווילדע חיה אָדער אַ בהמה), לא הא ולא הא (גאָרניט מיט גאָרניט), ניט איד און ניט גוי. דאָס אַלעס האָט שוין ממילא געפירט צום פער־קריפּלונג פון די איבעריגע אינסטיטוציעס, לויט ווי איך גיי דאָ אופצייגען:

די היברו סקול

אונזער אַלטער הדר איז אין אַמעריקא פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ "היברו סקול". דער אונטערשייד צווישען ביידען איז ניט בלויז אין נאָמען, נאָר אין רעכטען עיקר.

די "היברו סקול" געפינט זיך אין אַ שעהנער געביידע און איז אויסגעשטאַט מיט מאָדערנע שוהל־ביינק און שרייב־טישען. אויף די ווענט היינגען גרויסע שרייב־טאַבעלען, לאַנדקאַרטען און בילדער פון אידישע גדולים (דאָס הייסט, די נייע מאָדערנע "גדולים", וועלכע האָבען ערוואָרבען זייער גדלות אויף אַ גאַנץ אַנדערען אופן, ניט ווי די אמת'ע גדולים פון אַלטען דור). די היברו סקול ווערט פערוואַלטעט פון אַ "פּרינציפּאַל" מיט אַ שטאַב מאָדערנע לעהרער, וועלכע בע־זיצען אַ היבש ביסעל מאָדערנע בילדונג און אַ רעכטע ידיעה אין פּעדאַגאָגיע. זייער אויסערער אויסזעהן איז עכט אַמעריקאַניש, מיט גלאַט ראזירטע מאָרדעס און סטייליש געקליידעט.

דער אונטערריכט איז העכסט סיסטעמאַטיש, די שילער זענען איינגעטהיילט אין געהעריגע קלאַסען. די שיטה וואָס ווערט גע־ברויכט דאָרט איז "עברית באַנגלית אָדער "עברית בעברית". (עבירות בעבירות). יעדער לעהרער איז פערזאָרגט מיט געגוג פער־שיידענע טעקסט־ביכער, אַלערליי בילדער און אַלערהאַנט געגענ־שטענדע וואָס זיינע נויטווענדיג צום אונטערריכטען.

די שילער זינגען אויסגעצייכענט אידישע נאַציאָנאַלע לידער, און ביי יעדער פּאַסענדער געלעגענהייט שטעלט זיי דער פּרינציפּאַל אויס אין רייהען און מיט ציון־פאָנען אין די הענט מאַרשירען זיי. די הער־צער פון דער אידישער באַפעלקערונג קריגען אָן קעלבערנע התפּעלות און זענען איבערפילט מיט שטאָלץ און שמחת הנפש.

דאָס אַלעס פאַר זיך זעלבסט איז גאַנץ פיין. איהר מעגט מיר גלויבען, מיינע ליבע ברידער און שוועסטער, אַז מיר טוט וויי דאָס האַרץ אָנצודייטען אויף די שוואַרצע שאָטענס וואָס באַדעקען דיזע בילד; אָבער למען האמת איז דאָס מיין הייליגע פליכט דאָס צו טאָן. עס איז וואר דאָס די היברו סקול האָט אַ גאַנץ שעהנעם קערפּער, אָבער

עס פעהלט אין איהר אַ נשמה. די טעקסט־ביכער מיט זייערע שעהנע בילדער און אנציהענדע קינדערשע מעשה׳לאַך האָבען אַרויסגעשטויסען דעם אַלטען סידור און חומש פון אידישען חדר. די פריהערדיגע רביים האָבען געלערענט זייערע תלמידים די אידישע תורה און אמונה. די נייע מאָדנע "היברו טיטשערס" לערנען זייערע שילער צו שטאָלצירען מיט אידישקייט, אָבער זיי ערקלעהרען זיי ניט וואָס מיינט אידישקייט און וואָס פאָדערט זי פון אונז; ווער רעדט שוין פון לערנען זיי צו פּראַקטיצירען אידישקייט, דערפון איז דאָך שוין אָבגערעדט, מאן דבר שמיה.

אונזערע פריהערדיגע רביים האָבען געלערענט זייערע תלמידים לשון קודש כדי צו פערשטעהן די „כתבי הקודש" (די הייליגע שריפטען, אונזער תנ"ך). די נייע, מאָדערנע טיטשערס לערנען זייערע שילער "היברו" אַזוי ווי געוויסע אידעאַליסטען האָבען געלערענט וואלאפיק אָדער עספּעראַנטאָ צוליעב אידעאַל. צו בר־מצוה שטעלט זיך דער "חתן הבר מצוה" ביים ארון קודש און האַלט אַ פייערדיגען "ספּיטש" וועגען זיין גרויסע ליבע צום יודענטהום און זיין שטאָלץ זיין צו ווערען אַ מיטגליעד פון דעם עלטסטען פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע גרויסע לייטע ווי "אייסייאַה" און "דזשערעמיאה" (ישעיה און ירמיה) אז"וו. אָבער ווען יעמאנד זאָל איהם שטעלען די פראַגע: "זונינקע, וועלכע סדרה האָבען מיר די וואָך?" אָדער "ווייסטו, מיין קינד, ווי און וואָס צו דאַוונען? קענסטו מעביר קריאה זיין די סדרה, אָדער וואָס צו זאָגען צום וואַשען זיך צום עסען?" וועט ער אייך דאַן אָנקוקען ווי אַ האָהן אין "בני אָדם".

עס איז אַ פאַקט וואָס קען ניט אָפּגעלייקענט ווערען, אַז גראַדע די אויבען־אויסגערעכענטע זאַכען (פון וועלכע דער מאָדערנער לעהרער וועט אָהן צווייפעל זיך גאַנץ ברייט אויסלאַכען) האָבען אין פערלויף פון דעם לאַנגען ביטערען גלות אויפגעהאַלטען דעם אידישען פאָלק און זיין אמונה, אין דער צייט וואָס די אַנדערע אַלטע פעלקער זענען שוין גאַנץ לאַנג אונטערגעגאַנגען, פערשוואונדען פון גאָט׳ס ערד צוזאַמען מיט זייערע נאַציאָנאַלע לידער און פאָנען.

פאַר אָט דער משונה׳דיגע בריאה (בעשעפעניש), די "היברו סקול" האָבען מיר צו פערדאַנקען די הנהגה פון די ירבעם׳ס. איבעריגנס, דאָס זעלבסט איז נאָך אַ האַלבע צרה, מען קען נאָך פיללייכט געפינען אַ שטיקעל זכות, צום וועניגסטען האָט די היברו סקול אַ שעהנעם קערפּער, עס פעהלט איהר נאָר אַ נשמה. די צרה ווערט פיעלפאַך

פאַרערגערט ווען די זעלבע ירבעם׳ס פירען אָן די היברו סקול ניט אַלס קערפּערשאַפט פאַר זיך זעלבסט, נאָר זיי פערבינדען איהר צוזאַמען מיט׳ן בית המדרש, און דאָס פּאַסירט ווען די ירבעם׳ס פון בית המדרש, וואָס זייער יודענטהום בעשטייט, לויט זייער ערקלעהרונג, ניט פון די צערעמאָניעס פון תפילין לייגען און מזוזות קושען אז״וו, נאָר פון אַ גוטען כאַראַקטער, עהרליכקייט אד״ג. נאָכדעם ווי זיי האָבען ענט־זאַגט זייער אָרטהאָדאָקסישען, פון דער אַלטער וועלט, רב, און מען דאַרף אָנשטעלען אַ מאָדערנעם ראַבאַי אויף זיין פּלאַץ, רופט מען צוזאַמען אַ מיטינג, אויף וועלכען מען זוכט מיטלען ווי צו געפינען געלט־קוואַלען פאַר דעם צוועק. (ווארום ווייסען מיר, אַז אַ ראַבאַי דאַרף מען צאָלען אַ גוטען געהאַלט; און אַז גאָט האָט גע־האָלפען אַז מען איז שוין זוכה געווען צו האָבען אַ ראַבאַי, איז דאָך שוין נויטיג אַ ״סענטער״). דאָ שלאָגט מען זיך אָבער אָן דער צרה וואָס היינטיגע צייטען איז שווער צו קלאַפּען מיט דער פּושקע, ״משמיע על השקלים זיין״, בעטען געלט אויף דעם. (עס הייסט, בעטען קען מען גראַדע יאָ, אָבער דער עולם האַלט גאַנץ פיין פון דעם פּסוק: ״תקפוץ את ידך״, האַלט די האַנט פעסט צוגעמאַכט, און מען נותנ׳ט ניט). וואָס זאָגען זיי, אַז אין אַזאַ שלעכטע צייט קען מען זיך ניט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס ווי האַלטען אַ מאָדערנעם ראַבאַי, מען מוז זיך בענוגענען מיט אַן אָרטהאָדאָקסישען רב. אם ענדע פאַלט מען אויף אַ געניאַלנעם איינפאַל — אידישע קעפּ געפינען אימער אַן אויס־גאַנג — מיר וועלען אָרגאַניזירען אַ היברו סקול און אויף דעם איז דאָך, כידוע, ״פּתוח תפתח״, מען עפענט דעם טאַש און מען מאַכט ״נתון תתן״, מען טראָגט די מזומנים. דערצו מאַכט מען נאָך פער־שיידענע אונטערהאַלטונגען, אַ שטייגער ווי פּאַרטיס, קאָרטען שפּילען, טאַנצען, און אַלץ לכבוד התורה. די אונטערנעמונגען ברייגנען אויך אַריין געלט. הכלל, געלט איז דאָ ״די והותר,״ גענוג אויף אויפצו־האַלטען אַ ראַבאַי און בויען אַ סענטער. און ״אומר ועושה״, גערעדט און געטאָן.

אויף מאָרגען אין דער פריה זעהט איהר שוין אַ שילד מיט גרויסע ״קידוש לבנה״ ווערטער: ״היברו סקול״, דערביי אויסגערעכענט די נפלאות הבורא וואָס די סקול וועט אויפטאָן פאַר אונזערע קינדער, דהיינו: פאַרברייטען זיי צו בר־מצוה מיט אַלע מאָדערנע קליפּערלאַך, אַ שטייגער מפטיר, אַ אידישען אָדער אַן ענגלישען ״ספּיטש״, און נאָך און נאָך. צום קומענדען מיטינג איז שוין בעשאַפען ״אַ באָארד אָוו

עדוקיישאַן" און עס איז ששון ושמחה ליהודים און אידען גיבען געלט "למען תינוקות של בית רבן", פאַר די חדרים קינדער'ס וועגען.

נאַטירליך, אַזאַ מין היברו סקול וואָס ווערט באַשאַפען איבער נאַכט האָט ניט קיין ספּעציעלע געביידע. זי בענוגענט זיך מיט דער אַלטער הייזקעלע וואָס געפינט זיך ערגעץ אויפ'ן שוהל יאַרד, אָדער זאָגאַר ווען מען בויט שוין יאָ אַ ספּעציעל "יבנה", אַ סקול געביידע, איז אין די מייסטע פעלע פערבלייבט זי ניט פערענדיגט. אינעווייניג איז "חושך משחור תארה". די סקול ביינקלאַך זענען צונויפגעשלאָגען פון רויהע, ניט גלאַטע, ברעטלאַך, אַ פּרינציפּאַל מיט אַ שטאַב פון מאָדערנע לעהרער איז מאַנדבר שמיה", דערפון רעדט קיינער ניט, ווייל אין דער ווירקליכקייט איז דאָך די סקול בעשאַפען געוואָרען מיט'ן איין-איינציגען צוועק נאָר צוליעב דער שוהל, דאָס הייסט, אַז די סקול זאָל אויפהאַלטען דער שוהל. מען שטעלט אָן איין לעהרער, וועלכער פערנעמט דעם פּלאַץ פון פּרינציפּאַל, לעהרער און אויך דער אַכטונג-געבער. צאָלען צאָלט מען איהם אַ מאָנאַט (עס רעדט זיך נאָר אַזוי, ווייל ניט אימער צאָלט מען) די זעלבע סומע וואָס די ישמעאלים האָבען בעצאָלט פאַר יוסף'ן. איהר וועט דאָך פערגעווים שטעלען די פראַגע: "ווי קען אַ מענש היינטיגע צייטען אַרבייטען פאַר אַזאַ נישטיגע סומע? ווי קען ער דערפון מאַכען אַ לעבען?" דער תירוץ איז, ער קען טאַקע ניט, אָבער ער קען זיך ניט העלפען, ווייל גיין אין אַ שאַפּ אַרבעטען טאָר ער ניט, ער ליידט נעבאך פון אַסטמא אָדער שווינד-זוכט. (אין לאָס אַנדזשעלעס, צום פערדאַנקען איהר מילדען קלימאַט, איז זייער צאָל זעהר פיעל). אַמאָל מאַכט נאָך דער לעהרער עפּעס "מן הצד," פון אַ פּריוואַטער לעקציע אָדער פון שרייבען אַמאָל אַ אידישען בריף פאַר דעם וואָס ער קען ניט שרייבען. אָט די היברו סקול האָט ניט קיין קערפּער און ניט קיין נשמה.

די שוהל

די שוהל האָט אין דיזען לאַנד אין גאַנצען פערטונקעלט דעם בית המדרש. עס איז גראַדע יאָ פאַראַן אַ בית המדרש אין שוהל-יאַרד אָדער אין "מדור התחתון," (בייסמענט בלע"ז) פון דער שוהל. צום גרויס בעדויערונג אָבער, איז דער אַמעריקאַנער בית המדרש נאָר אַ קדישים זאָגעריי פאַר די אבלים און יאָהרצייטען.

אַמעריקאַנער שוהלען ווערען מייסטענס געבויט פון די ירבעם'ס

און מען פרעגט זיך גאַנץ ווייניג אָן ביי די אידען פון דעם פריהערדיגען דור. די גאַנצע אונטערנעמונג ווערט איבערגעגעבען צו אַ קאמיטע פון פראַקטישע געשעפטסלייטע, און אַז זיי בויען מעגט איהר זיך שוין גאַנץ זיכער זיין, אַז די שוהל וועט זיין שעהן, פיין, ליכטיג און בעקוועם. דער צוגאַנג צו איהר איז אויך גאַנץ אנשטענדיג און העכסט פראַכטפול. די סוירוויסעס (תפילות) זענען אַראַנזשירט אויפ׳ן עהרענווירדיגען אופן, אַזוי דאָס מען זאָל זיך ניט האָבען מיט וואָס צו שעהמען פאַר אַ "דזשענטייל" ווען ער וועט אַריינקומען אין שוהל. (אַזוי האָט בפירוש זיך אויסגעדריקט דער ווערטהער ראַבאַי אין זיין ערעפענונגס רעדע). דער "אדון בפקדך" זעלבסט, בכבודו ובעצמו, דער פרעזידענט יר"ה, ווי אויך זיין "סגן", וויים־פרעזידענט, זיצען גאַנץ בהרחבה׳דיג אויף ווייכע פלושענע שטולען פוןביידע זייטען אָרון קודש. דער קאַנטאָר, חזן, שטעהט ביים עמוד איינגעוויקעלט אין אַ לאַנגען גלח׳ישען כאַלאַט און זינגט "כולם אַהובים" מיט׳ן ניגון פון "סעלעסטא אַאידאַ". די גאָט־בעטערס זיצען שטיל און לאָזען קיין הויך וואָרט ניט אַרויס פון מויל. אַ פּאָר טראָסטים מיט שוואַרצע הויכע קוימענס, דמתקריא "סטאָוו פּייפּס", אויף זייערע קעפּ, גייען אַרום "רצוא ושוב" (היין און צוריק) צו האַלטען פולען אָרדענונג. דער ראַבאַי האַלט אַ לאַנגע קאַלטע רעדע וועגען „דזשודאַאיזם." דער חזן פערבייסט מיט אַ שעהנעם מוסף, אין וועלכען ער פלעכט דורך אַ שטיקעל פון סעקסטעט פון לוציא. אַס ענדע ווערט געזונגען "אַדאַון אַולאַם" (אדון עולם) און די גאָט־בעטענדע פערלאָזען גאַנץ שטיל און רוהיג גאָט׳ס הויז. דער סעקסטאָן (שמש) שליסט דאַן צו די שווערע טירען פון דער סינאַגאָגע און פיקס און פערטיג. דאַן, איז, לויט נאָך די פאָלק׳ס מעשות וועגען שוהלען, קלייבען זיך דאָרט אַריין די מתים פאַר אַ גאַנצע וואָך, ביז דעם קומענדען שבת. אין די אַמעריקאַנער שוהלען זענען די מתים די הויפּט בעלי־בתים. אין דעם בעצוג טראָגט זיך אַרום דער פאָלגענדער אַנעקדאָט: עס האָט אַמאָל פאַסירט ווען די מתפללים פון אַזאַ סאָרט שוהל האָבען אין הלל געזאָגט דעם פסוק "לא המתים יהללו יה" (די פערשטאָרבענע לויבען ניט גאָט), זענען די מתים אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט: "וואָס הייסט", האָבען זיי געזאָגט, "מיר זענען דאָ גרעסערע בעלי בתים ווי איהר זייט, מיר דאַוונען דאָ אַלע טאָג, ווערענד איהר שטאַט אָפּ גאָט אַ וויזיט נאָר איין־איינציגען מאָל אַ וואָך. עס איז דאָך "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם" (דער שטענדיגער האָט דעם פאָרצוג).

די אַמעריקאַנער שוהל איז אַ פּראָדוקט פון דעם אויבען־דערמאָנ־טען עלעמענט און, נאַטירליך, בעזיצט זי זייערע אַלע מעלות און חסרונות; זי פערמאָגט געגוג שעהנהייט, בעקוועמליכקייט און אָנ־שטענדיגקייט, אָבער פון דער אַנדערער זייט פעהלט דאָרט די ערענסט־קייט, די כּונה, די השתּפכות הנפש, דער ברען פון די אידישע תּפילות, דער קול יעקב, דער זיפץ מיט'ן קרעכץ, דער אוי־וויי פון די אידישע פרויען צום ראש חודש בענשען, דער קלינגענדיגער "ברוך הוא וברוך שמו" פון אידישע אינגלאַך.

דער סך־הכל איז, עס איז אַ שעהנער קערפּער, אָבער אָהן אַ נשמה.

דער ראַבאַי

אַמעריקא איז אַ לאַנד וואו אַלעס ווערט פּראָדוצירט מיט מאַשי־נעריי, ניט אויסגעשלאָסען זאָגאַר וואָס אַנבעלאַנגט צו ראַבאַים. אנשטאט דעם רב פון דער אַלטער וועלט, וועלכער איז געוועזען, ווי מען דריקט זיך אוים אין דעם לאַנד, "אַ סעלף־מייד מען", דאָס הייסט, ער איז געזעסען אַ האַלבען לעבען און געלערענט בהתמדה ביז איהם איז געלונגען צו דערגרייכען די מדרגה פון אַ רב. אין אַמעריקא אָבער, ווערען די ראַבאַים פּראָדוצירט אין די "רבנים־פעקטאָרים", וועלכע זענען בעוואוסט מיט זייערע פאַרשיידענע נעמען: "דזשואיש סעמי־נאַרי," "טהעאָלאָדזשיקאל קאלעדזש," "ראַביניקאל סעמינאַרי" אז"וו. אויף די האַלב־געבאַקענע אַמעריקאַנער רבנים איז מקוים געוואָרען די קללה פון דער תּוכחה: "ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד והשיבו לחמכם במשקל ואכלתם ולא תשבעו" (און צעהן פרויען וועלען אייער ברויט באַקען אין איין אויוועז, און זיי וועלען אייער ברויט מיט גע־וויכט צוריקגעבען, און איהר וועט עסען אָבער ניט זאַט ווערען). עס פרעגט זיך די פראַגע: וואָס איז דאָ אַזוי שלעכט אַז צעהן פרויען וועלען באַקען זייער ברויט אין איין אויוועז, ווייבאַלד דער אויוועז האָט גענוג פּלאַץ פאַר דעם; וואָס פאַר אַ בייז איז עס? דער תּירוץ איז אַז ניט אַלע פרויען גרייטען צו זייער טייג אויף איין און דעם זעלבען אופן, זיי מאַכען ניט זייער ברויט אין איין פאָרמע, אָדער לאָזען איינ־זוייערען די טייג אין איין צייט, אויך זייער קנעטען איז פערשיידען, אַזוי אַז עס קומט אוים דאָס יעדער סאָרט טייג פאָדערט אַ בעזונדערע סאָרט אויוועז מיט צוגעפּאַסטע גראַדען היץ. אין געוועהנליכע אומשטענדען האָט זיך טאַקע יעדער פרוי איהר אייגענעם אויוועז וואו זי באַקט

איהר ברויט אויף איהר אייגענעם שטייגער, אָבער ווען צעהן פרויען זענען געצוואונגען צו באַקען אין איין אויוועז, איז אָך־און־ווייי וואָס פאַר אַ ברויט עס קומט אַרויס, האַלב ניט דערבאַקען, און די צווייטע העלפט גאָר פערברענט. דאָס איז דער זין פון דער קללה. דער משל איז זעהר אַ צוגעפּאַסטער צו אונזערע מאָדערנע רבנים פּעקטאָרים.

עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז יעדער ישיבה־מאַן האָט זיינע אייגענאַרטיגע נייגונגען און פעהיגקייטען. איינער, צום ביישפּיל, פערמאָגט אַ שאַרפען קאָפּ, אַ צווייטער—אַ שטאַרקען זכרון; איינער בעזיצט מעהר חשק צו אַ געוויסען סיסטעם אין לערנען, דער צווייטער —אַן אַנדער אופן. אונזער תורה איז עלאסטיש, מען קען זי אָנווענדען אויף אַלע זייטען און ריכטונגען, דעריבער קען ניט אויסגעשטעלט ווערען איין פּראָגראַם פאַר אַלעמען גלייך. אין דער אַלטער וועלט האָט מען דאָס גוט פערשטאַנען און דערפון האָט זיך ענטוויקעלט ביי יעדען די סיסטעמע פון לערנען פאַר זיך. אַלעס וואָס די ישיבה האָט געטאָן פאַר איהרע תלמידים איז, וואָס זי האָט איהם געשטעלט אויף זיינע אייגענע פיס, ער זאָל קענען לערנען אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים אָהן דער הילף פון אַ רבי'ן. קוים איז ער שוין פעהיג געווען דאָס צו טאָן, און אויב ער האָט נאָך פערמאָגט דערצו נאַטירליכע כשרונות, האָט ער זיך אַליין געמאַכט פאַר אַ רב. אין אַמעריקא אָבער איז מקוים געוואָרען די קללה פון "ואפו עשר נשים לחמן בתנור אחד." אַ בעדייטענדע צאָל יונגעלייט ווערען ערצויגען אַלס רבנים נאָך איין־איינציגען סיסטעם און פּראָגראַם. נאַטירליך, דאָס פּעראורזאַכט דאָס זיי קומען אַרויס ניט פּערפעקט, אַזוי ווי יענע צעהן לעבלאַך ברויט, וועלכע צעהן פערשיידענע פרויען באַקען אין איין אויוועז. אויף די סעמינאַרים קען אויך פּאָרגעזעצט ווערען די צווייטע העלפט פון יענער קללה: "והשיבו לחמכם במשקל". נאָך דער אַלטער סיסטעמע איז ניט יעדער ישיבה־בחור אַרויסגעקומען אַ רב. טויזענטער האָבען געלערענט אין אַ ישיבה, אָבער נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל פון זיי זענען געוואָרען רבנים. די אַמעריקאַנער רבנים־פּעקטאָרים זענען זעהר ליבעראַל אין דעם הינזיכט, זיי גיבען אַרויס אַזוי פיל רבנים פּונקט ווי די זעלבע צאָל תלמידים וואָס עס קומען אַריין, אחד לא נעדר (איינעם ניט פּערפעהלט), כדי מקיים צו זיין דעם צווייטען טהייל פון יענעם פּסוק: "והשיבו לחמכם במשקל."

ווען אַזאַ ראַבאַי קריגט אַ שטעלע, ווערט צוגלייך אויף זיין געמיינדע מקוים דער לעצטער טהייל פון יענער תוכחה־קללה:

"ואכלתם ולא תשבעו". דער ראַבאַי איז טאַקע אַ גאַנץ שעהנער יונגער מאַן, גאַנץ עלעגאַנט געקליידעט, זיין טאַשען־טוך איז בע־שפריצט מיט פערפיום און גיט אַרויס אַן אנגענעהמען אַראָמאַט; זיין ענגליש איז זעהר אַ שעהנער מיט דעם אמת'ן יענקישען אַקצענט. דער „אַר" קייקעלט זיך אַרויס פון זיין מויל כדת וכהלכה, אויך דער „טה" גליטשט זיך אַרונטער פון זיין צונג מיט אַ בעזונדערען חן. זיינע מאַנירען און בעוועגונגען שטימען איין מיט די רעגעלען פון "עלעקיושאן". די צרה איז אָבער דאָס ואחרי ככלות הכל, נאָך אַלע־מען, זענען די אינהאַלטען פון זיינע דרשות "ריקות ושדופות קדים", וויסט און לעער, ניט קיין תורה און ניט קיין סחורה, נאָר אַ מבול פון פוסטע פראַזען.

"וואָס האָט דער ראַבאַי היינט געזאָגט אין זיין סוירמאָן"? פרעגט אַ איד וואָס איז גראַדע ניט געווען אין שוהל, ביי זיינעם אַ פריינד, "ווענען וואָס האָט ער גערעדט?" "זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס'", קומט דער ענטפער. "פרעג מיין טאָכטער, זי ווייסט וואהרשיינליך." דער איד ווענדעט זיך דאַן צו דער פריילין: "דזשולי, קענסט מיר פיליכט זאָגען דעם סאָבדזשעקט פון דעם ראַ־באַי'ס היינטיגען סוירמאָן." צו וועלכעם מיס דזשוליע ענטפערט גאַנץ בנעימות'דיג: "איך וועל אייך זאָגען די וואהרהייט, אָ, מאַי! הי איז סאָטש אַ דאַרלינג, לוקס סאָ סוויט, הענדסאָם און אַטראַקטיוו, אַז קיינעם איז גאָר ניט געלעגען אין זינען איינהערען זיך וואָס ער האָט געזאָגט".

אָט דער ראַבאַי איז דער פראָדוקט פון די ירבעם'ס בני נבט.

איך האָב אייך דאָ יעצט אָנגעצייגט די סימפּטאָמען פון דער קריינק וואָס הייסט "ירבעם'ס" און וואָס זי קען פעראורזאַכען. אַלזאָ, ברידער און שוועסטער, דערוווייטערט זיך פון זיי, מיידט זיי אויס בעפאָר זיי שפרייטען זיך אויס. ווי נאָר איהר פילט אַז זי קומט אָן, פערזאַמט ניט קן מינוט און קעמפט געגען איהר מיט אַלע מעגליכ־קייטען. אויב איהר וועט וועלען ח"ו מאַכען די קלענסטע פשרה, קריכט זי גלייך אַריין צו אייך אין די ביינער, רואינירט אייך און מאַכט אַ גרויסען חורבן אין אונזער גאַנצער תורה הקדושה, און דאַן לויערט אויף אייך דער געפאַהר גענצליך אונטערצוגעהן צוזאַמען מיט אייערע הייליגע אינסטיטוציעס.

אתה כוננת מישרים, דו האָסט רעכטשאַפענהייט פעסטגעשטעלט.
(תהלים צ״ט). אתה כוננת ישרות לאוהביך שע״י המשפטים שנתת
להם הם עושים מריבה זה עם זה ובאין לידי משפט והם עושים
שלום.

(מדרש רבה, שמות, פרשה ל׳).

דו האָסט צוגעגרייט די רעכטפערטיגע תורה פאַר דיינע פאַר־
עהרער, די אידען, די געזעצען פון וועלכע זיי דיסקוטירען איינער
מיט׳ן צווייטען כמעט קריגעריש, אָבער אַם ענדע גלייכען זיי זיך
אויס און פרידען ווערט צוריק עטאַבלירט.

אין דער מאמר איז פאַר מיר אַ רעטעניש. איך קען לייכט פאַר־
שטעהן די ברכה פון שלום, וואָס די תורה ברייגנגט צווישען אידען.
אין געגענטהייל, אָבער, איז מיר אומפערשטענדליך די טובת הנאה
פון פערראורזאַכען מחלוקת, וועלכע איז דאָך גאָר אַ קללה.

די פּאַסירונג וואָס ווערט דערציילט אין דער סדרה וירא וועגען
די איבערקערעניש פון די פיר זינדיגע שטעט, סדום ועמורה אדמה
וצבוים, האָט זיך די פראַגע איינגעקריצט אין מיין מוח ווען איך האָב
אָנגעפּאַנגען חומש. וואָס הייסט דאָס? אין אַ געוויסען הייסען זומער־
טאָג בעוויזט זיך גאָט צו אברהם אָבינו און דערצעהלט איהם אַז דער
געשריי געגען סדום ועמורה איז גרויס און זייערע זינד זענען שווער,
און אַז ער האָט בעשלאָסען אָבצואווישען זיי פון דער ערד. אונזער
אברהם, דער גוטער מלאך מליץ יושר אין אַ מענשען געשטאַלט,
הערענדיג דיזען זייער גזר דין, איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און גע־
בעטען גאָט פאַר זיינע מיטמענשען, ביז ער האָט אויסגעווירקט אַ
צוזאָג אַז די שטעט מיט די מענשען וועלען ניט פערניכטעט ווערען
אויב עס וועלען זיך דאָרט געפינען וויינינגסטען צעהן צדיקים. אָבער
אומזיסט, ווייל צווישען די גאַנצע בעפעלקערונג פון יענע שטעט איז
געווען אונמעגליך צו געפינען זאָגאַר צעהן רעכטפערטיגע מענשען.

ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען האָט גאָט געלאָזען רעגענען אויף
סדום ועמורה אַ רעגען פון שוועבעל און פייער, וועלכער האָט אומגע־
קערט יענע שטעט און דעם גאַנצען אומגעגענט מיט אַלע איינוואָהנער
צוזאַמען מיט די ערד־געוויקסע. ווען אברהם איז אין דער פריה אויפ־
געשטאַנען און געוואָרפען זיין בליק אין דער ריכטונג פון סדום ועמורה,
האָט ער געזעהן ווי אַ גרויסער געדיכטער רויך שלאָגט אַרויס פון
דער ערד.

די תורה, ווי געוועהנליך, דערמאָנט אימער דעם פערברעכען בעפאָר די שטראָף ווערט בעשטימט; אין דעם פאַל אָבער, האָט זי געמאַכט אַן אויסנאַמע, ניט דערמאָנט זייער פערברעכען. עס פרעגט זיך טאַקע די פראַגע: אין וואָס, אייגענטליך, זענען בעשטאַנען די פערברעכענס פון די אויבענדערמאָנטע שטעט, וועלכע האָבען פערדינט אַזאַ שרעקליכע ענדע? מיר געפינען, ווען די תורה דער־צעהלט די שטראָף פון אָדם הראשון, גיט זי צו דער זעלבער צייט אַן אויספיהרליכע ערקלערונג אין וואָס זיין זינד איז בעשטאַנען, נעמ־ליך, ער האָט געגעסען פון עץ הדעת. ווען קין איז פערשאָלטען גע־וואָרען צו אייביגע וואַנדערונג, געפינען מיר זיין פערברעכען — די ערמאָרדונג פון זיין ברודער. ווען גאָט האָט בעשלאָסען צו פערניכטען די וועלט דורכ׳ן מבול, האָט ער אָנגעגעבען די אורזאַכע: ״כי מלאה האָרץ חמס״, די וועלט איז פול געוואָרען מיט רויב, גוואַלד־טהאַטען. פון וואָס אָבער איז בעשטאַנען די זינד פון די איינוואָהנער פון סדום ועמורה איז ניט אָנגעדייט דייטליך, נאָר אין כלל — זייערע זינד זענען שווער.

אָבער דאָס וואָס עס איז פערשוויגען געוואָרען אין דער תורה שבכּתב (שריפטליכע תורה) ווערט פּעעפּענטליך אין דער תורה שבעל פּה (מונדליכע תורה), אין תלמוד מסכתא סנהדרין ק״ט. דאָרט געפינען מיר אַ לאַנגען ליסט פון חטאים וועלכע די לייטע פון סדום ועמורה האָבען בעגאַנגען. דאָ פרעגט זיך אָבער: ווארום האָט דאָס די תורה שבכּתב ניט ערקלערט זיי?

דער ענטפער איז, אַז די איינוואָהנער פון די פיר שטעט זענען געוועזען אויף אַזוי פיעל פערדאָרבען, דאָס זיי זענען געשטאַנען נידערי־גער פון אירגענד־וועלכער קריטיק, ווייל די אַלע זייערע שלעכטע מעשים זענען בעגאַנגען געוואָרען דורך זייערע שופטים (ריכטער), וועלכע האָבען פערוואַנדעלט גוטעס פאַר שלעכטעס, אז״וו., און ווער קען דאָס קריטיקירען אַ שופט?! דער תלמוד שטעלט אַרויס אַלס אַ מוסטער איינע פון זייער ״גערעכטיגקייט״ וואָס עס איז געוועזען איינ־געפירט אין די פיר שטעט: ווען איינער האָט געבראַכט דעם צוויי־טען פאַר׳ן ריכטער אויף דער קלאַגע אַז יענער האָט אים אַטאַקירט און צובלוטיגט, פלעגט דער ריכטער באַפעלען דעם קלעגער ער זאָל בעצאָהלען דעם אָנגעקלאָגטען, ווייל ער האָט געטאָן אַ דאָקטאָר׳ס אַרבעט, בלוט געלאָזען. דער תלמוד רעכענט אויס נאָך פילע עהנליכע ״משפטים ישרים״.

פון די אַלע "מעשים טובים" וואָס דער תלמוד דערצעהלט וועגען אַט די פיר שטעט ווערט פאַר אַלעמען קלאָר, דאָס זייער פערדאָרבענ־הייט איז געווען אונטער דער מאַסקע פון זייער קאָנסטיטוציאָן און דינים. מערקווירדיג וואָס דאָס איז געווען, עס האָט זיך ניט געפונען קיין איינער וואָס זאָל בעגרייפען די אומגערעכטיגקייט און אָננעמען זיך מיט מוטה צו קריטיקירען אַט די זייערע פערברעכערישע קאָנסטי־טוציאָן. אַלעס האָט צו זיי אויסגעזעהן שעהן און פיין, שלום ושלוה, קיין מחלוקת; און צוליעב דעם האָט די תורה ניט געקענט אויס־רעכענען קיינע פון זייערע חטאים, ווייל קיינער האָט זיך ניט בעקלאָגט אויף זיי; זי, די תורה, דערמאָנט נאָר אין אַלגעמיין: "דער געשריי געגען זיי איז גרויס און זייערע זינד זענען שווער," אָבער קיינע איינצעלהייטען.

מיר זעהן זאָגאַר אין אונזער היינטיגער העכסט ציוויליזירטער צייט וואָס פאַר גרויסע אומגליקען די עטליכע דיקטאַטאָרס האָבען אַרויפגעצוואונגען, און צווינגען אַרויף, אויף זייערע לענדער בפרט און אויף דער וועלט בכלל: מלחמות, צרות, פורעניות, ענויים קשים אד"ג. און אַלעס נעמט זיך דערפון וואָס זיי האָבען אַוועקגערויבט פון פאָלק די מעגליכקייט צו קריטיקירען זיי. קריטיק איז די בעסטע מעדיצין פאַר גערעכטיגקייט און פרידען. פון אָנפאַנג דוכט זיך אויס אַז די מעדיצין איז ביטער, ווייל זי פעראורזאַכט אַביסעל מחלוקת, אָבער די ענדע איז אימער גוט; און אַט דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע אַזהרות פון אונזער הייליגער תורה, אין פרשה משפטים: "אלהים לא תקלל," אַ דיין זאָלסטו ניט שעלטען, עס מיינט, האָב פאַר איהם דעם גרעסטען רעספּעקט; דאָס זעלבע איז אויך: "ונשיא בעמך לא תאר," דעם העכסטען בעאַמטען זאָלסטו אַלעס פאָלגען. און דאָ גיבט אַ וויכטיגער פונקט: ווען ברויכסטו איהם פאָלגען און רעספּעקטירען; דוקא — בעמך, "בעושה מעשה עמך," אויב ער איז אַן אמת'ער מענש. אין פאַל אָבער ווען דו בעמערקסט אויף איהם עפּעס אַ ניט אָרענטליכע אויפפיהרונג, מעגסטו אָהן שום מורא פאַר קיינעם אָדער מחלוקת, פריי איהם קריטיקירען, ווי אויך, ווען עס איז נויטווענדיג, רעוואָל־טירען געגען איהם.

אין פרשה תצא זאָגט אונז אָן די תורה נאָך אַמאָל: "תמחה את זכר עמלק מתחת השמים" (לעש אויס עמלק'ן פון אונטער'ן הימעל), עס זאָל ניט פערבלייבען קיין געדעכניש פון איהם. דער פערזאָג בע־ציהט זיך ניט אויסשליסליך נאָר אויפ'ן ריכטיגען עמלק זעלבסט, ער

שליסט אויך איין אַ אידישען מנהיג, אַן עמלק, אָדער אַ גייסטיגען פיהרער, וועלכער איז ניט "עושה מעשה עמך"; מעק איהם אויס, ניט אַכטענדיג וואָס די מערהייט איז מיט איהם; "לא תהיה אחרי רבים לרעת". די תורה האָט אונז פערבאָטען צו לאָזען זיך פערפיהרען פון אַ פערפיהרער, זיך ניט אָבשטעלען זאָגאַר ווען דאָס קען אַמאָל מיטברייננגען אַביסעל מחלוקת, ווייל אַזאַ סאָרט מחלוקת איז גאָר אַ ברכה פאַר דער מענשהייט. ווען די וועלט וואָלט בעזעסען די מעלה, דאַן וואָלט ניט עקזיסטירט קיין היטלערס, סטאַלינס וסעייתם.

און דאָס אייגענטליך מיינט דער מדרש מיט'ן זאָגען, אַז די משפטים וועלכע גאָט האָט אונז געגעבען דורך משה רבנו ע"ה, האָבען פערוארזאַכט אַ ביסעל קריג צווישען אידען, דאָס הייסט, קריטיק; אָבער אַדאַנק דעם פראָגרעסירען מיר און לאָזען ניט אַרויפצווינגען אויף אונז קיין שמוץ. מיר שטאָלצירען מיט דעם!

די דעמאָקראַטישע וועלט האָט דאָס טאַקע אויפגעכאַפּט פון אונז און מאַכט אַ פערזוך אַביסעל אונז נאָכטאָן (געוועהנליך אין גאַנצען האָבען זיי דאָס ניט אין זייערע בלוט) אַז יעדער זאָל זיין פריי צו קריטיקירען זאָגאַר דעם פרעזידענט זעלבסט, אָבוואָהל דורך דעם ווערט אַביסעל רייסערייען, מחלוקת, פערשיידענע פאַרטייען וועלכע ריידען אוים איינע אויף דער צווייטער כל דבר האָסור, אָבער דאָס שאַדעט ניט; דער רעזולטאַט דערפון איז דאָס, דאָס פאָלק בעקומט גערעכטיגקייט. פאַר דעם אַלעם ברויכען זיי דאַנקבאַר זיין אונזער תורה.

דאָס איז איינע פון די פערשיידענע שאַצבאַרע פערל וואָס די פעל־קער האָבען פון אונז גענומען און אַ נאָמען געגעבען "דעמאָקראַטיע," פאַר וועלכע די ציוויליזירטע נאַציאָנען שלאָגען זיך יעצט; און עס איז צו האָפען אַז זייער קאַמפף וועט געקרוינט ווערען מיט אַן ערפאָלג, אָבוואָהל עס קען נאָך נעמען אַביסעל צייט; אָבער, "עס איז בעסער שפּעטער איידער קיין מאָהל."

צום טיפען בעדויערען האָבען מיר אידען אָבגעשאַפט דעם דעמאָ־קראַטישען פרינציפּ פון אונזער גייסטליכען לעבען. אונזערע נשמות זענען פאַרשקלאַפט, אונטערדריקט אונטער'ן שווערען יאָך פון דיק־טאַטאָרס און מיר זענען געצוואונגען צו שווייגען. די הויכע מאָראַלישע געבאָטען און פרינציפּען וואָס אונזער הייליגע תורה האָט אונז פער־אָרדענט, אַזוי ווי: טהרת המשפחה, תלמוד תורה'ס, די ערציהונגס אנשטאַלטען פאַר אונזערע קינדער, כשרות, אד"ג, האָבען איינצעלנע

גייסטליכע מנהלים און פּרעזידענטען, נשיאים, (נשיאים ורוח — וגשם אין), וואָלקענס און ווינט, אָבער קיין רעגען איז ניטאָ,— וועלכע זענען ניט "עושה מעשה עמך," אַריינגעקראָגען אין זייערע הענט, געמאַכט אַן איבערקערעניש, אַ מיש־מאַש. אַלע זייערע חפצות, מעשים טובים (בלשון סגי נהור) האָבען זיי דורכגעפירט פּאַרלאַמענטאַריש, מיט דער הסכמה פון העכערע, "גבוה מעל גבוה," און אַלעם אונטער דער מאַסקע פון זייער קאָנסטיטוציאָן און דינים. צו אונזער גרויסען באַדויערען האָט זיך ניט געפונען זאָגאַר איינער וואָס זאָל בעגרייפען דעם גרויסען אומרעכט וואָס איז אין דעם בעגאַנגען געוואָרען און אָננעמען זיך מיט מוטה פּרובירען צו קריטיקירען. זאָ, אין אונזער לאַגער הערשט אַ פולקאָמענער שלום ושלוה, בלי פּרץ וצוחה, קיינע מחלוקת, אַ לאַ סדום ועמורה.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ גאַנץ משונה'דיגער יודענטהום, אַ ניט אַהער און ניט אַהין, ניט צו גאָט און ניט צו לייטען. דער טהרת המשפחה מיט וועלכען אונזער נאַציאָן האָט זיך אימער אויסגעצייכענט, איז גענצליך פערשוואונדען. אונזערע תלמוד תורה'ס — עס איז שמערצליך און פּיינליך צו זעהן דעם סאָרט "מלומדים" וואָס זיי גיבען אַרויס, עפּעס אַ סאָרט "אַנדרוגינוס", רחמנא לצלן, אַ צווייפעלהאַפטער מין, לא הא ולא הא. דאָס אַלעם האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם צרה'דיגען איינפיהר וואָס אונזערע תלמוד תורה'ס ווערען געגרינדעט אויסשליסליך מיט דעם איין־איינציגען צוועק: אויסצוהאַלטען די שוהלען, אנשטאַט דעם וואָס די פליכטען פון אַ שוהל זענען אויסצוהאַלטען די תלמוד תורה'ס.

מערקווירדיג, אַט דער צרה'דיגער פאַקט איז אַלעמען בעוואוסט, דאָך קימערט זיך ניט קיינער וועגען דעם איבעל און האָט גאָר ניט בדעה אָנפאַנגען צו קריטיקירען.

אין בעצוג צו די הויכע קענטענישען וואָס די תלמידי התלמוד תורה'ס ערווערבען דאָרט, פּאַסט זיך זעהר פיין אַריין דער פאָלגענדער ספּור המעשה: איינער האָט אַמאָל געפרעגט אַ גראַדואירטען מיט אויסצייכענונגען "תלמוד מובהק" פון אַ בעוואוסטער תלמוד תורה (נאַטירליך, מיט אַ דיפּלאָמע כדת וכהלכה) צו וויים ער די אורזאַכע איבער וועלכער גאָט האָט אַרויסגעזעצט אדם'ען מיט זיין פרוי, חוה'ן, פון גן עדן?

"געוויס וויים איך," האָט געפאָלגט דעם "תלמיד חכם'ס" שטאָלצער ענטפער, "ווייל זיי האָבען ניט געצאָלט פּינקטליך די רענט".

די כשרות איז גאָר עפּעס אַ קאָמעדיע. די בוטשערס האָבען ניט קיין שום רעספּעקט, אָדער וועלכען עס איז יראת הכבוד פאַר די רבנים. די רבנים ווידער, פון זייער זייט, פאַרמאָגען ניט צופיעל יראַת שמים. יעדער בהמה אָדער אָקס האָט פיעל צונגען און אַ בעדייטענדע צאָהל לעבערס. הכשרים, ווי אויך טיקעטס "כשר לפסח אַפילו למהדרין מן המהדרין" ווערען פערקויפט לכל דכפין, און דיזע ווערען אַרויפגע־קלעפּט אויף אַלץ. (עס קען נאָך געבען אַז אין צייט וועט מען אַרויס־געבען הכשרים אויף "חנוכה ליכטלעך כשר לפסח"). דאָס זעלבע איז אויך מיט "יין כשר לפסח ולכל השנה; ישתו ענוים וישמחו". הכלל, עס הערשט אַ פולקאָמענער שלום ושלוה, גאָר אָן שום פּיטשינקע מחלוקת, אַפילו ניט גרויס אָדער קליין ווי אַ "זנב הלטאה". "באמת", זאָגט יעדער פאַר זיך, "ווער איז דאָס גאָר מחויב להכנים את ראשו, אַריינטאָן זיין קאָפּ, בין החרים, און פערזורזאַכען מחלקת".

אַזוי איז אָט דער מנהג אָנגעגאַנגען, (און ווער ווייס, פילייכט גייט ער נאָך יעצט אויך אָן) בתפוצות ישראל אין די וועסטליכע שטאַאַטען. נאַטירליך, קען מען ניט זאָגען אַז דער גאַנצער קאַליפאָר־ניער שטאַאט איז געווען אָן אויסנאַם אין דעם הינזיכט. די בעלי בתים, ווי עס זעהט אויס, זענען געווען העכסט צופרידען פון דעם "שלום אמת" "ושלות השקט" וואָס הערשט צווישען רבנים. טאָמער האָט זיך שוין אַמאָל איינער יע אָנגענומען מיט מוטה און אָנגעפאַנגען עפּעס מורמלען, איז ער גלייך בעטיטעלט געוואָרען אַלס אַ "מחרחר ריב" און שאַרף געטאַדעלט געוואָרען פאַר "וועלען צושטערען דעם שלום, להפריד בין הדבקים". דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס ער איז געווען געצוואונגען צו מאַכען אַ פּתח שין — שאַ!

וואָס אָנבאַלאַנגט צום קאָנטראָל איבער די רעליגיעזע אַנגעלעגענ־הייטען, האָט אונזער שטאָט יעצט גראָדע מזל. מיט'ן אָנקומען אַהער פון איניגע נייע רבנים און דורך זייער פעראייניגען זיך מיט עטליכע פריהערדיגע, איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַן אמת'ע השגחה מעולה איבער כשרות. משגיחים כשרים ונאמנים בעזוכען טעגליך די כשרה בוטשער שעפּער. די רבנים, פון זייער זייט, גיבען גוט אַכטונג אויף די שוחטים און אויף די שלאַכט-הייזער, און מען איז מפקח בעינא פקיחא אַז עס זאָל חלילה ניט זיין קיין שום חשש טרפה. מיט איין וואָרט, צו פערדאַנקען דעם משרד הרבנים, איז די כשרות פולע הונדערט פּראָצענט.

דער משרד הרבנים נעמט זיך יעצט אויך אויסצובעסערען דעם

חנוך. אַלס אַ התחלה זענען שוין די פּלענער פערפערטיגט צו בויען אַ פּאַסיגע געביידע פאַר אַ מאָדערנע ישיבה און תלמוד תורה, וועלכע וועט זיין אַ צירונג פאַר לאָס אַנדזשעלעסער יודענטהום.

אין קורצען גערעדט: דער יעצטיגער משרד הרבנים האָט אַריינ־געגעבען אַן אמת'ן רוח חיים בעניני הכשרות, און ביי דעם שטעלט ער זיך ניט אָפּ, װעוד ידו נטויה איינצופיהרען עהנליכע גוטע און נוצליכע תקנות.

שמות חברי ביהכ"נ „בני משה".

הרב ר' משה קאָהם, רב דביהכ"נ
נחום ב"ר מאיר באַגנער
מרדכי שאול ב"ר אַלטער סיני באָרנשטיין (פּרעזידענט)
יוסף ב"ר זוסמאַן קאַנטער
יצחק אייזיק ב"ר שניאור זלמן מאַלקין
חיים ב"ר יוסף ליב דובין
לוי יצחק ב"ר ישראל ניסענבוים
ליב ב"ר שלמה אליהו עליש
פסח יהושע ב"ר אַלטער סיני באָרנשטיין
זאב ב"ר משה ווייסמאַן
שבתי ב"ר משה וויינער
יעקב ב"ר זלמן גדליהו פינסקי
חיים יעקב ב"ר יחיאל מיכל סינגערמאַן
משה אשר ב"ר מנחם מענדל הכהן ספּעקטער
מרדכי ב"ר שמואל קלאַר
אייזיק מרדכי ב"ר אפרים מנשה שאַפּירא
יצחק ב"ר אברהם הענעלין
דוד יצחק ב"ר חיים אליעזר מעריען
ישראל ב"ר צבי אריה קויפמאַן
שאול ב"ר חיים מרדכי הכהן סעלצער
צבי ב"ר מאיר קרעפּט
אברהם ב"ר דוב יפה
מאנים ב"ר זעליג הכהן כ"ץ
יצחק ליב ב"ר ישראל גאָלדמאַן
דניאל ב"ר יצחק אריה שו"ב הירש
זיסע ב"ר זלמן שענהאָלץ
שבתי צבי ב"ר משה קאָהן
מיכל ב"ר דובער סאָקאָלאָוו
יהודה ב"ר שמואל זיוו

בזה מוצא אני לחובה לי להזכיר לברכה את אשת נעורי, מרת **מאַריאַשע** תחיה, אשר כאשת חיל אמתית עמסה עליה את עול הנהגת הבית ומסתפקת במועט, ובזה נתנה לי היכולת להקדיש עתותי לעסוק בתורה. זכרה לה ה׳ לטובה.

כמו גם מאַציל אני ברכה לבתנו העדינה והיקרה, העלמה **פייגה**, בעד תמיכתה להדפסת ספרי זה. מצות כבוד אב שקימה, תעמד לה, ואלהי המערכות ישלם לה כפעלה.

המחבר.

שמות חברות האקזיליארי.

מאַריאַשע בת ר׳ הלל קאָהם, הרבנית
שרה בת ר׳ משה באָרנשטיין
גרונע בת ר׳ שמעון ליפמאַן קאָהם
חיה הינדל בת ר׳ חיים קאַנטער
באַשע איידלע בת ר׳ משה מאַלקין
וויכנע מרים בת ר׳ נחום פאלים
שרה רישע בת ר׳ יעקב ליב ברוקס
חאַשע בלומע בת ר׳ מתתיהו פינסקי
איטע האדע בת ר׳ צבי הירש ניסענבוים
שרה גאָלדע בת ר׳ יוסף עליש
ליבא בת ר׳ אברהם גרשון סלאַווין
פערל בת ר׳ דוב בער גלאַס
מרים לאה בת ר׳ משה חיים ווייסמאַן
בלומע בת ר׳ משה יעקב סינגערמאַן
חיה בת ר׳ גרשון באָרנשטיין
שיינא רחל בת ר׳ חיים וויינער
שרה בת ר׳ שלום גאָלדענבערג
חיה בת ר׳ אהרן יעקב קלאַר
רבקה בת ר׳ אברהם מרדכי שאַפּיראָ
דרייזע בת ר׳ זאב וואָלף הענעלין
שאָשע רבקה בת ר׳ מרדכי נתן וויינער
רבקה רחל בת ר׳ משה פרידמאַן
איידל בת ר׳ אברהם ליב מעריען

לאה בת ר׳ יוקל צבי סעלצער
ביילא בת ר׳ דוד קרעפּט
ביילא יענטע בת ר׳ שמעון שארפף
שרה בת ר׳ ישראל יואל גיטמאַן
צפורה בת ר׳ שלום ביאַליק
שרה בת ר׳ יעקב גאָלדשטיין
מרים בת ר׳ אפרים נאָווינא
איידל בעלא בת ר׳ עזרא כ״ץ
וויכנע בת ר׳ יעקב גאָלדמאַן
באַשע בת ר׳ אלכסנדר זיסקינד הירש
פייגל בת ר׳ מאיר צבי ווהייט
שרה רבקה בת ר׳ מנחם מענדל צעסלער
חוה בת ר׳ מאיר פייערשטיין
סימא בת ר׳ אהרן יהודה קאָהן
העשע בת ר׳ אברהם זיוו

חבל על דאבדן ולא משתכחין.

(סנהדרין קי"א.)

שמות חברי „בני משה" הנעדרים.

ברוך לייב ב"ר אהרן פיין,
נפטר כ"ב אלול, שנת תרצ"ב.

נתן נטע ב"ר זאַנוויל,
נפטר כ"ד תשרי (אסרי חג דסוכות) תרנ"ז.

מאיר ב"ר אלעזר קרעפט,
נפטר ר"ח סיון, שנת תרנ"ח.

דוד ב"ר אברהם איזראעל,
נפטר ביום הכפורים, שנת תרנ"א.

זלמן צבי ב"ר יעקב דזשייקאָבס,
נפטר כ"ה שבט, שנת תרצ"ז.

ישראל ב"ר מרדכי גאָלדמאַן,
נפטר כ"ח שבט, שנת תרנ"ח.

יעקב ב"ר שמואל שעכטער,
נפטר כ' שבט, שנת תרצ"ד.

משה ב"ר יהושע מאיר אַראָנאָווסקי
נפטר ט"ו אלול, שנת תרע"ב.

זעליג ב"ר מאיר הכהן כ"ץ,
נפטר כ"ב אדר, שנת תרצ"ה

אברהם ב"ר דובער האנעלין,
נפטר י"ט אייר, שנת תרצ"ז.

אליהו ב"ר יחיאל הלוי גיטמאַן,
נפטר ד' תמוז, שנת תרח"ץ

יוסף משה ב"ר פרץ גאָלדענבערג,
נפטר ד' אלול, שנת תרצ"ג.

יהודה ב"ר טודרוס ווהייט,
נפטר ו' מנחם אב, שנת תרח"ץ.

זרח יצחק ב"ר משה בריקמאַן,
נפטר ב' מרחשון, שנת תרצ"ד.

ישראל ב"ר חיים וואָלף ליבין,
נפטר י"ט מנחם אב, שנת תרע"ח.

מרדכי ב"ר יעקב קויפמאַן,
נפטר כ"א אדר, שנת תרצ"ג.

דוב ב"ר שמחה גלעס,
נפטר י"ב ניסן, שנת תרע"ט.

זוסמאַן ב״ר אלעזר יצחק קאַנטער,
נפטר א׳ דשבועות, שנת תרע״ח.

זלמן גדליהו ב״ר אהרן פינסקי,
נפטר ד׳ אייר, שנת תרס״ד.

משה ב״ר שמשון שענקין,
נפטר ד׳ אלול, שנת תר״ס.

אריה ליב ב״ר חיים דוד קאָהם,
נפטר י״א טבת, שנת תרצ״ט.

משה ב״ר יעקב גלאַס,
נפטר י״א תשרי, שנת ת״ש.

יעקב יוסף בן דוד הלוי מאָשקאָוויץ,
נפטר ט״ז אדר שנת תרצ״ד.

הרב ר׳ חיים צבי ב״ר מנחם דוב נאָווינאָוו,
נפטר ו׳ אדר א׳ שנת תרצ״ג.

אברהם ב״ר זאב פרידמאַן,
נפטר אסרו חג של סוכות, שנת תרח״ץ.

יצחק ב״ר זכריה,
נפטר כ״ד אדר, שנת תרצ״ו.

שמות חברות האקזיליארי הנעדרות.

חיה לאה בת ר' משה פיין,
נפטרה ט"ז מנחם אב, שנת תרח"ץ.

חנה יודעס בת ר' ברוך ליב פיין,
נפטרה כ"א שבט, שנת תרצ"ב.

מרים בת ר' שבתי צבי קאָהען,
נפטרה י' מנחם אב, שנת תרצ"ד.

מרים בת ר' בן ציון וויינשטיין,
נפטרה ר"ח שבט, שנת תרצ"ו.

איידע מערי בת ר' דוד קרעפט,
נפטרה א' דר"ח מרחשון, שנת תרס"ג.

איידע בת ר' אברהם איזראַעל,
נפטרה ה' שבט, שנת תרנ"א.

אסתר דבורה בת ר' צבי גאָלדמאַן,
נפטרה כ"ג מנחם אב, שנת תרנ"ג.

סימא בת ר' יוסף שעכטער,
נפטרה י' שבט, שנת תרנ"א.

חיה בת ר' מתתיהו גאָלדמאַן,
נפטרה כ"ח שבט, שנת תרח"ץ.

דאָברע בת ר' פאַלעק אַראָנאָוויסקי,
נפטרה י' תמוז, שנת תרצ"ב.

גיטל בת ר' אליהו אליעזר וואַלדמאַן,
נפטרה ו' אדר א' שנת תרח"ץ.

פרומע בת ר' שלום געציל כ"ץ.
נפטרה כ"ד אלול, שנת תרצ"ג.

חיה פריידא בת ר' דוב גודמאַן,
נפטרה ג' שבט, שנת תר"ע.

שאָשע בת ר' יהודה קויפמאַן.
נפטרה כ"ז אדר ב', שנת תרח"ץ.

חיה זעלדע בת ר' יעקב בער פּראָטאָ,
נפטרה כ"ה אייר, שנת תרח"ץ.

רחל בת ר' ליב שענהאָלץ,
נפטרה י' סיון, שנת תרח"ץ.

יודים בת ר' משה ליבין,
נפטרה א' דר"ח טבת, שנת תרנ"ה.

חיה שפרה בת ר' בצלאל גלעס,
נפטרה תשעה באב, שנת תרע"ט.

חיה בת הרב ר' אברהם פינחס קאַנטער,
נפטרה ב' ניסן, שנת תרצ"ה.

פריידא בת ר' אליהו שענקין,
נפטרה ט' תמוז, שנת תרע"ח.

רחל לאה בת ר' אברהם פרידמאַן,
נפטרה ה' ניסן,


פייגה אסתר בת ר' נחום אפרים מאַלקין,
נפטרה ג' מנחם אב, שנת תרפ"ח.

חיה בת ר' צדוק קאַרטער,
נפטרה ט"ז שבט, שנת ת"ש.




רב לעדת „בני משה" בלאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.

הרב ר' משה קאָהם



מראה החיצון של ביהכ״נ „בני משה״



מראה הפנימי של ביהכ"נ „בני משה"

ספר

אילה שלוחה

הנותן אמרי שפר

מכיל פלפולים אחדים מיוסדים על ענינים עמוקים בתלמוד על פי הפוסקים הראשונים והאחרונים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, אשר יגעתי ומצאתי בעז"ה אנכי הקטן והצעיר באלפי ישראל

משה בלא"א חיים דוב קאהם ז"ל

רב ואב"ד דק"ק לאס אנדזשעלעס, קאליפ.

מחבר שו"ת „ידי משה", בשני חלקים.



לאס אנדזשעלעס, קאליפ.

שנת ת"ש לפ"ק

שלמי תודה.

מעומק לבי הנני מביע תודתי הנאמנה לחברי קהלתי
„בני משה" פה לָאָס אנדזשעלעס, קאַליפ.
אשר זה לי שנים מספר שאני משמש בכתר
הרבנות אצלם ומחזיקים אותי בכבוד
גדול. יברך ה' את חילם ויזכו
לראות בנחמת ציון
וירושלים.



משה בלא"א חיים דוב קאָהם,

רב הקהלה.

שאלה.
חלוקא דרבנן.

גרסינן בגמרא חולין דף ט' ע"א נשחטה הותרה אע"ג דבא זאב ונטל הבני מעים והחזירן כשהן נקובין אין חוששים שמא במקום נקב נקב. איך הוא הדין אם היה בא הזאב ונטל הבני מעים והחזירן כשהן נקובין קודם שהיה בודק אם נשחט רוב הסימנים ואז היה עדיין בחזקת איסור, (ועין ביו"ד סימן נ' ורמ"א וש"כ שם), או יש לומר כיון דבכל זמן שהיה אינו מבורר שנשחט הרוב סימנים לא היינו באין כלל להסתפק על הספק הנ"ל כי אין שום נ"מ בספק הנ"ל כיון שלא יצא עדיין מחזקת איסור שהיה בחיים ולא בא הספק אלא אחר בדיקת הסימנים כמובן ובאותו זמן כבר הוא בחזקת היתר דאפשר דכל דבר דיינינן לפי מצב הדבר שהיא בעת שנתהוה הספק ולא לפי מצב שהיה בעת שנולד הספק.

תשובה.

הנה איתא בגמרא ב"מ דף ק"ב ע"ב: מעשה באחד ששכר מרחץ בשנים עשר זהובים לשנה בדינר זהב לחדש ובא מעשה לפני רשב"ג ור"י ואמרו יחלקו את חדש העבור ואמר שמואל בבא באמצע החדש אבל בא בתחילת החדש כולו למשכיר, בא בסוף החדש כולו לשוכר, ופירש"י שם באמצע החדש כיון שיש ספק העמד ממון על חזקתו ומה שדר כבר לא מפקינן מיניה ומה שלא עבר מן החדש או יצא או יתן לו שכרו דקרקע בחזקת בעלים עוד אבל בתחילת חדש כולו למשכיר דהעמד קרקע בחזקת בעלים בסוף חדש כולו לשוכר העמד ממון על חזקתו ור' נחמן אמר קרקע בחזקת בעלים עומדת ופירש רש"י ז"ל ואפילו בא בסוף החדש כולו למשכיר שהספק לא עכשיו נולד והעמד קרקע על חזקתו ונמצא שדר בשל חברו וצריך להעלות שכר, עכ"ל, ועין בתוספות שם ומשמע להדיא לשיטת רש"י דשמואל סובר דאזלינן בתר שעה שנודע הספק וסכסוך בין הצדדים לבית דין ואזלינן בתר המוחזק בעת ההיא ורב נחמן סביר לו דאזלינן בתר שעה שנולד הספק וכיון דקימ"ל כרב נחמן הרי זה דבר ברור להלכה דבכל ספק אזלינן בתר שעה שנולד הספק ולפי זה לכאורה בנידון דידן ג"כ כיון דבעת שנולד הספק היה אז עדיין בחזקת איסור לא אמרינן בה נשחטה הותרה כיון דאזלינן בתר שעה שנולד הספק.

אמנם בעיקר דבר זה יש לי ב"ה הערה נפלאה דראיתי בזה דבר תמוה דהרי יצא לנו מהגמרא דב"מ הנ"ל לדבר ברור להלכה דבכל ספק אזלינן בתר שעת שנולד הספק ואנן איפכא תנן והיינו בסוגיא דביטול ברוב המבואר ברמ"א ביו"ד סימן ק"ט סעיף ב' דתלוי בידעת התערובת דכתב שם הרמ"א דיבש ביבש שנתערב ביחד אפילו אם בשלו אח"כ התערובת ביחד כשר ואין צריך ששים דכיון שנודע התערובת מקודם ונתבטל שוב אין כאן איסור כלל וחזר הדבר להיות כולו היתר ואם לא היה נודע לה כלל שיש בה תערובת טריפת בטרם הבישול או המליחה הכל אסור דלא שייך ביטול אלא דוקא שנודע שיש תערובת בה אף שהתערובת נתילד כבר קודם הבישול או המליחה. (ועיין ברא"ש בגמרא חולין פ' ג"ה סימן ל"ז שהביא ראיה דהידיעה גורמת הן לאיסור והן להיתר מגמרא זבחים דף ק"ד ע"א), ואמאי לא אמרינן ג"כ לענין ביטול ברוב שהוא ג"כ ספק ע"י תערובת דאזלינן בתר שעה דנתילד הספק ולבטול ברוב למפרע דאגלאי מלתא למפרע שהיה אז התערובת וחזר הדבר להיות כולו התר למפרע ואפילו אם לא היה נודע שיש ספק ע"י תערובת בטרם המליחה או הבישול אפילו הכי נתבטל האיסור ושוב אין כאן איסור למפרע כמו גבי מרחץ הנ"ל לרב נחמן ולפי דעתי היא הערה נפלאה.

והנלע"ד דרך נכון לתרץ הקושיא הנ"ל והוא דודאי אמרינן בכל דבר כגון בספק איסור גופה או בספק ע"י תערובת דאזלינן בתר שעה דאיתילד הספק ולא בתר הידיעה והגע בעצמך כשבישלו טריפה במים ואח"כ נודע שהיא טריפה ויהיה המים מותר דהידיעה גורמת איסור וזה לא שמענו מעולם אלא דזה ודאי דבר ברור דאזלינן בתר שעה שנתילד ואין הידיעה גורמת כלום. אבל זה דוקא כשבאין לדין על הספק או על הספק שבא ע"י תערובת מטעם איזה בירור שבא מצד הסברא שהוא מברר את הספקות הנ"ל ע"י חזקה כמבואר בגמרא ב"מ הנ"ל או מטעם כל דפרוש מרובא פרוש (אף דילפינן לה מאחרי רבים להטות או מבית מנוגע בגמרא חולין מ"מ הוא ג"כ דבר המסתבר דבתר שאנו מסופקין לומר שמהרוב הוא או להעמיד על חזקה) וכן בתערובת כשאנו באין לדון לבטלו מצד הסברא כשיש ששים כנגד האיסור שהוא ג"כ מצד הסברא שמבטל את התערובת וכן בספק או בספק ע"י תערובת אף שאין דנין עליו עליהם מצד איזה בירור משום שאין חזקה או רובה שמברר אותם אבל לכה"פ דנין עליהם מטעם הספיקא או ספיקא דתערובת דגה"כ הוא דבספק כזה הוא מותר או אסור וכמו יבש ביבש מין במינו לשיטת הרשב"א הנ"ל דגה"כ הוא דאזלינן בתר רובא ואמרינן שכל אחד הוא מהרוב הן להיתר והן לאיסור מטעם ספק ולא מתורת ודאי אז ע"כ ג"כ אזלינן בתר שעה דאתילד הספק או התערובת ואמרינן אגלאי מילתא למפרע כיון דאנו מתירין ואוסרין רק מצד ספק או ע"י ספק שבתערובת

והספקא או התערובת כבר נתילדו ואין להם שייכות להידיעה כיון דהידיעה לא גרמה האיסור או ההיתר כלל וכלל אבל בענין תערובת יבש ביבש ברובה לשיטת הרא״ש הנ״ל ודאי הידיעה גורמת בין להיתר ובין לאיסור דלשטתו ע״כ הביטול ברוב אין זה מצד ספיקא או מפני איזה בירור שהוא מברר את הספק ואמרינן שכל אחד ואחד הוא מהרוב הן להיתר והן לאיסור או מטעם ספק דגה״כ הוא דבספק כזה הוא מותר או אסור מטעם ספק אלא דגה״כ מאחרי רבים להטות שהאיסור יהפך להיתר ואיסורא פרח וכן להיפך ההיתר יהפוך לאיסור וההיתר פרח דכל אחד ואחד יש לו דין ודאי בין לקולא ובין לחומרא ומשו״ה מותר לשיטת הרא״ש הנ״ל לאכלן לאדם אחד לאכול כולם ביחד אעפ״י שבודאי אוכל האיסור וכן מותר לאכול כל אחד ואחד בפ״ע וא״צ להשליך אחד כנגד האיסור וכן מותר לאכול אחד אחד בפ״ע דלא תימא בזה גרע טפי כמו דאמרינן גבי קדשים שנתערבו תמימין בבעלי מומין דאין מותר להקריב רק שנים שנים בגמרא זבחים אבל אחד אחד לא דבשנים י״ל כיון שאחד ודאי דהתירא הוא השני נמי הוא של היתר ועיין ברש״י שם כיון דאיסור נתהפך להיתר ועיין ברא״ש בגמרא חולין פ״ז סימן ל״ז ומשו״ה יכול לאוכלם בכל אופן שירצה ולא כשיטת הרשב״א דס״ל דאסור לאוכלם כולם כאחד אלא יאכלם אחד אחד היינו משום דלא ס״ל סברת הרא״ש דאיסור נהפך להיתר אלא דאמרינן דהיתר תערובת ברובא הוא מטעם ספיקא וגה״כ הוא דבספק כזה אזלינן בתר רובא ואמרינן שכל אחד ואחד הוא מהרוב משו״ה אם אכלן אדם אחד דודאי יאכל איסור והוי כתרתי דסתרי כיון שידעינן בבירור שאכל האיסור אבל להרא״ש ז״ל ס״ל דע״י התערובת נעשה המיעוט כרוב ונהפך האיסור להיות היתר ואין בו שום חשש איסור אם לא כשהוכר האיסור לבסוף בתוך התערובת דאז בטלה התערובת אבל כל זמן שלא בטלה התערובת אז הוא נהפך להיתר ממש וההיתר הזה או האיסור אין שום שייכות להספק דאדרבה לא מטעם ספק אנו אוסרין או מתירין אלא דהמיעוט נגרר אחר הרוב ומענין רובו ככולו ילפינן לה דהמיעוט נגרר אחר הרוב וזה לא אמרינן רק בנודע הספק כבר ואנו דנין עליו אבל בטרם שנודע לא נגרר אחר הרוב כמו גבי אחרי רבים להטות דשנים אומרים טהור ואחד אומר טמא או חייב ופטור או אסור ומותר הולכין אחר הרוב דוקא אחר שנודע ודנין עליו ולפי זה בביטול ברוב לשיטת הרא״ש ע״כ אזלינן בתר הידיעה כיון דאין לו שייכות להספק כן נראה לפי ענ״ד ונכון מאד ומיושב בזה תמיה הנ״ל ודוק.

אחר כל הדברים ואמת המבואר בדברינו יכולים אנחנו להסביר פסק הלכה שהביא הפמ״ג ביו״ד סימן ק״ט ס״ק ד׳ ות״ד יבש ביבש ברובא במינו ונודע התערובת ונתבשל כך בה״מ ואח״כ הוכר האיסור בקדירה מהו דבר זה

